STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11606

TSAR UN TREYST

S. Simchovitch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. סימכאָוויטש

צער און טרייסט

געזאַמלטע לידער

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון מולטי־קולטור פּראָגראַם
בײַם שטאַט-סעקרעטאַר פון קאַנאַדע

מאָנטרעאָל, 1989

S. Simchovitch

Tzaar Un Treist

(Sorrow and Consolation)

Collected Poems

Published with the financial assistance
of the Multiculturalism Program
Department of the Secretary of State of Canada

©Copyright
S. Simchovitch
Toronto, Canada
1989

Printed in Canada by Adler Printing Reg'd
Montreal

צייכענונג פון י.ב. מלחי

הקדמה פון מחבר

אין משך פון די ערשטע יאָרן נאָך מײַן קומען קיין קאַנאַדע זײַנען, אַ דאַנק די באַמיאונגען פון אײדע מאַזע ע״ה, אַרויס אין מאָנטרעאָל צוויי 80־זײַטיקע לידער־זאַמלונגען מײַנע: ״אַזוי איז אַ יוגנט פאַרגאַנגען״ (1950) און ״אין שעה פון תפילה״ (1958), וואָס האָבן בשעתם געקראָגן גוטע אָפּרופן פון אָנגעזעענע יידישע שרײַבער און קריטיקער.

זינט דעמאָלט זײַנען אַריבער דרײַ יאָרצענדליק — יאָרן פון אַרבעט, שטודיום און אָנשטרענג זיך צו דערשלאָגן צו אַ מעמד אין נײַעם לאַנד. די אַלע יאָרן האָב איך פאַרגעזעצט שרײַבן און פאַרעפנטלעכן לידער און פּאָעמעס אין פאַרשידענע צײַטשריפטן: קענעדער אָדלער, פרײַע אַרבעטער שטימע, אויפן שוועל, די צוקונפט, לעבנס־פראַגן א.א. אין 1971 איז אויך אַרויס אין תל־אביב מײַן העברעישע מאָנאָגראַפיע וועגן שלמה מײַמון און זײַן באַציאונג צו יידן און יידישקייט.

אין דער איצטיקער זאַמלונג גייען אַרײַן די מערסטע שאַפונגען פון מײַנע פריער־דערמאָנטע ביכער צוזאַמען מיט אַ גרעסערן אויסוואַל פון געדרוקטע און נאָך נישט געדרוקטע לידער, געשריבן אין די לעצטע דרײַסיק יאָר. די אַלע לידער זײַנען אויסגעסדרט געוואָרן אין טעמאַטישע ציקלען, זיי זאָלן אָפּשפּיגלען דעם גאַנג פון מײַן לעבן און שאַפן, און אין אַ געוויסער מאָס — פון מײַן דור און תקופה.

צום סוף וויל איך דאַנקען די פרײַנט סעם ליפּשיץ, פּראָפ. אַדאַם פירסטענבערג און חיים שפּילבערג (מאָנטרעאָל) פאַר זייער קאָלעגיאַלער מיטהילף.

ש. ס.

✡ ✡ ✡

Sincere thanks to Chrystyna Hnatiw, Ray Edwards and Louis Mirando for their encouragement and assistance in the publication of this book.

צום אייביקן אָנדענק פון
מייַן פאָטער משה־אברהם,
מייַן מוטער איטע,
מייַנע שוועסטערלעך: טעמע, רחל
און מלכּהלע,
מייַן ברודערל גאָדל,
און אַלע קדושים פון געטאָ־אָטוואָצק.

א. היים און פרעמד

ליל-שימורים

די ליל-שימורים פון צעשיידונג ברענט
אין מיין זכּרון מיט אַן אייביק פֿײַער;
דער לעצטער בליק אויף היימיש-טונקעלע ווענט,
דער לעצטער קוש, אַרומנעם טרײַער.

דער מאַמעס פּנים אויסגעקרומט אין לײַד,
די טרערן-טראָפּנס שנירלען פון די אויגן;
דער טאַטע, שווײַגנדיק, צום אָפּשייד גרייט,
אין פֿײַן פֿאַרשטילטער איבער מיר געבויגן.

"זאָלסט בלײַבן ייד", סודעט ער אין מיר אַרײַן
ווי אַ צוואה, מיטן לעצטן האַנטדרוק;
כ'טרעט אָפּ פון אים, די חשכות שלינגט מיך אײַן,
אויף שטענדיק שוין, נישטאָ מער קיין צוריק.

פון איצטער וועט חרטה ברענען מײַן געביין
און די צעשיידונג — אַ ליל-שימורים זײַן.

אַנטלויפֿסט

אַנטלויפֿסט, ברודערל, אַנטלויפֿסט,
אַנטלויפֿסט, האָסט מורא...
נאָר ווייס: נישטאָ איז קיין אַנטלויף
פֿאַר דעם גורל.

אַנטלויפֿסט, ברודערל, אַנטלויפֿסט
צופֿוס, מיט באַנען,
נאָר ווייס: יעדער פֿרעמדער הויף
וועט אָן דער היים דיך דערמאָנען.

געסלעך מײַנע

געסלעך מײַנע פֿון מײַן היימשטאָט,
ווי איר לעבט נאָך אַלץ אין מײַן זכּרון —
איבער ימען, איבער ווײַטע לענדער,
איבער לויף פֿון טעג און לאַנגע יאָרן.

געסלעך מײַנע, געסעלעך אָטוואָצקער,
ווי כ'האָלט טײַער אײַערע אָרעמע פּראַכטן —
טעג האַרבסטיק־טריבע, ווינטערדיקע,
מונטער־פֿרײַע זומער פֿאַרנאַכטן.

געסלעך מײַנע, וועלכער שׂטן און מכשף
האָט פֿאַראומזיײַנט אײַך אין גרויל אין וויסטן,
אין רויך און אַש אײַך פֿאַרוואַנדלט,
מיט וואָרצל פֿון דער היימערד אויסגעריסן?

אוי ווי ס'טיאָבקעט נאָך מײַן יוגנט־שבועה —
מיט אײַך צו זײַן, מיט אײַך צו בלײַבן,
לעבן, ראַנגלען זיך, אויסדויערן,
צו זון און פֿרייד צוזאַמען זיך דערהייבן.

נאָר וויי! דער בייזער שטורעם־געוויטער
האָט אַ שלאָג געטאָן און אײַך געטראָפֿן;
און איך די טרײַהייט־שבועה האָב געבראָכן,
פֿון אייגן בלוט און פֿלייש אַנטלאָפֿן.

☆ ☆ ☆

געזעגענונג

די נאַכט איז פול געוועזן מיט געוויין און טרויער,
געזעגנט האָבן מאַמעס די אַנטלויפנדיקע זין;
געלאָפן זײַנען זיי אין דער בהלה,
נישט געוווּסט אַווּ, וווּהין?

דעמאָלט בין איך אויך אַוועק
פון מײַנע געסלעך, געהויקערטע און קרומע;
ס׳האָט די מאַמע, כליפּענדיק, צום לעצטן מאָל
מיט אירע דאַרע הענט מיך אַרומגענומען.

אויף די טרעפּ פון דעם שווײַגנדיקן צוג
בין איך צוגעפאַלן און אַרויף געשווינד,
און איך האָב, מיט צוגעמאַכטע אויגן,
מײַן היים אַרומגענומען און געזעגנט בלינד.

☆ ☆ ☆

כ׳האָב אײַנגעזאַפּט

כ׳האָב אײַנגעזאַפּט דײַן פרייד און טרויער
ווי ס׳זאַפּט אײַן די ערד פרימאָרגן־טויען;
כ׳האָב אָנגעטרונקען זיך מיט צער און קרעכץ
פון טאַטעס געבויגענע, פון מאַמעס גרויע.

מיט דײַן יום־טוב, מיט דײַן בראָך
דורכגעדרונגען זײַנען מײַנע גלידער;
אַזוי אויף שטענדיק שוין פאַרזייגטע
מיט מײַן זײַן, מיט מײַנע לידער.

ווי אַ טרוים

ווי אַ טרוים פון פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן
גייט אויף מיַין היים אין מיַין זכּרון.

כ׳זע פון דער וויַיטנס, אין נעפּל אין גרויען,
דאָס שטעטל, די גאַסן, דעם הימל בלויען,

דאָס טיַיכל, וואָס פליסט און שעפּטשעט אַ תּפילה,
דורך טעג און נעכט יאָגן כוואַליעכלעך שטילע.

און ס׳ציטערט פון וויַיטן פאַרלוירן דער ניגון
פון געבויגענע מאַמעס איבער קינדערשע וויגן.

און כ׳זע מיַינע ברידער — פּוילישע יידן —
פאַרהאַוועט, פאַרשטויבט, אויף מערק און יאַרידן.

כ׳דערקען זיי, די יונגען, די בליאיקע ביימער,
די בויער, די זוכער, די אייביקע טרוימער.

זיי האָבן די גאַסלעך פאַרהילכט מיט געזאַנגען —
ביז אַלע זיי זיַינען אין איינעם פאַרגאַנגען.

איצט שטאַרן חורבות פון היימען פאַרברענטע
און ס׳וויינען שאָטנס פון לעבנס געשענדטע

און ס׳אָבלט מיַין האַרץ און הערט נישט אויף קלאָגן
דורך שטעט און דורך לענדער, אין וואַנדער און וואָגל.

☆ ☆ ☆

שבת פאַרנאַכטן

היט אויף די שלווה
פון שבת פאַרנאַכטן;
דעם הימל בלויען,
הייליק־פאַרטראַכטן.

און יענעם איידעלן
ניגון פון חסידות,
אין טונקעלע קלויזן
צו שלוש־סעודות.

געווען איז דער ניגון
אין צער געלייַטערט,
צום הימל געשטיגן
אויף יעקבס לייטער.

ס׳האָבן געקנייטשט זיך
די ברייט־קלוגע שטערנס
די אויגן געצונדן
מיט ערלעכע טרערן.

די הענט געפלאָכטן
צונויף ווי אַ קייט;
דער הייליקער שבת
פאַרגייט, פאַרגייט.

☆ ☆ ☆

צו אַ פּויליש יינגל

מיר זײַנען פֿרעמד געווען,
נישט דו האָסט מיך געקענט, נישט איך — דיך;
פֿלעגסט באַגעגענען מיך אין גאַס
מיט געבײַל און מיט האַס.

כאָטש מיר זײַנען ביידע יונג געווען,
אויף זעלבער ערד געוואָקסן און געבליט,
געווען ביסטו פֿאַר מיר — אַ גוי
און איך פֿאַר דיר — אַ פֿאַראַכטער ייד.

ס'האָט ביידע אונדז געהאָדעוועט, גענערט
די היימיש־נאָענטע ווײַסל־ערד,
דאָרט מיר האָבן דורות־לאַנג
געזונגען אונדזער פֿרום געזאַנג,
געהאַנדלט און געוואַנדלט און גענידערט
אין בית־עולמשע טיפֿן.

נאָר איך, אַ קינד פֿון נײַעם דור,
האָב ווייטיקדיק געפֿילט דעם צער
פֿון זײַן פֿאַרשטויסן און פֿאַרשפּאַרט
אין געסלעך פֿינצטערע און ענגע,
וווּ ס'ווײַנט די נויט פֿון יעדער טיר,
וווּ ערד איז גאָל, אָן בוים און בלעטער —
האָב ווייטיקדיק געפֿילט די שאַנד פֿון געטאָ.

האָב איך געשפּונען אַזאַ טרוים
פֿון מיר און דיר, פֿון אונדז ביידן,
ווען ס'וועט פֿאַרשיטן זיך דער תהום,
וואָס האָט פֿון אייביק אָן צעשיידט אונדז.

מיר וועלן טרעפֿן זיך אין אַ קלאָרן טאָג
ניי־געבוירענע, און זיך דערקענען —
פֿון זעלבן בלוט און פֿלייש געקנאָטן,
מיט זעלבע חלומות און געבעטן,
פֿון זעלבער זונשייַן געבלענדט,
פֿון זעלבער פּייַן און טויט פֿאַרלענדט.

און ס'איז מייַן טרוים געוואָרן וואָר,
דער טאָג פֿון טרעפֿונג איז געקומען;
דורות לאַנגע האָבן אונדז צעשיידט,
פֿאַראייניקט האָט איין טאָג מלחמה.
אין שׂרפֿות האָט דאָס לאַנד געברענט,
ביידע זעמיר פֿון דער היים געלאָפֿן
און אין וואַלד זיך אָנגעטראָפֿן.

כ'האָב דייַן נאָמען נישט געוווּסט,
אַלצאיינס געווען אַצינדערט;
אויף גאָלער ערד, באַשירעמט פֿון אַ בוים,
געציטערט האָבן מיר — צוויי וואָגל־קינדער,
ווען איבער אונדז האָט דער טויט זיך געטראָגן
אויף שטאָלענע, רוישנדיקע פֿליגל.

ס'האָט דער וואַלד אונדז אַרייַנגענומען
און די סכּנה —
אונדזער אייניקייט פֿאַרזיגלט.

☆☆☆

אָטוואָצק

אָטוואָצק, היימשטאָט מייַן,
ווי קומט, וואָס אין לויף פון טעג און יאָרן
שייַנסטו העלער אַלץ אין מייַן זכּרון?
קען איך — אַ יונגלינג,
וואָס האָט פאַרלאָזן דיך צו אַכצן יאָר,
אויסלייזן דייַן בלוטנדיקע וואָר?

אַ שטאָט — צוויי צענדליק טויזנט יידן,
יונג און אַלט, אָרעם — רייַך,
אַ שפּרודלדיקער טייַך
פון לעבן, מי, געלעכטער, —
אין אַש און בלוט פאַרוואַנדלט
פון אשמדי' און שעכטער.

☆ ☆ ☆

יוגנט

יוגנט פון אָרעמע יידישע געסלעך,
ווו איר האָט די נייַע חלומות ווי פּענער
געטראָגן פאָרויס מיט פרייד און געזאַנג;
איר זייַט אין שטורעם געוואַקסן, געפיבערט,
געריסן פאָרויס זיך צום זוניקן מאָרגן —
און קיינמאָל צו אים נישט דערגאַנגען.

איך זע אייַך נאָך איצט — אַ וואַלד אויפגעוואַקסן,
מיט קרויזיקע קעפּ, שטאָלצע אויף אַקסל,
ווי קרוינען פאַרברוינטע פון רוישיקע ביימער,
מיט אויגן ווו ס'בלויען זיך פרילינג־חלומות,
הענט מוסקולירטע מיט יונגשאַפט און גבורה
און גלויביקע הערצער מיט אָנזאָג און בשורה.

נאָך שוועבט אייַער אָטעם אַרום אויף די וועגן
פון שטעטלעך פאַרמעקטע, פון געסלעך פאַרברענטע,
און ס'שטאַרן די היימישע שטיינער און פרעגן:
"ווו זייַנען די יונגע בונטאַרן און קעמפער?"

איינער

כ׳האָב אײַנגעזאַפּט אין מיר
די תּפילות פון אַן אַלטער שול
און דאָס געוויין פון אַ בית־עולם,
ס׳געזאַנג פון טאַנצנדיקע חסידים
שׂימחת־תּורה,
ס׳האַוועניש פון שטאָט־יאַרידן,
דעם פײַער־קאַראַהאָד פון אַ האָראַ.

כ׳האָב אין יום־כּיפּור נעכט פאַרנומען
מאַמעס הייליקע געוויינען
און אַ פאַרגאַפּטער צוגעהערט זיך
צו רעדעס פלאַמיקע — אין די פאַראיינען.

און איצטער?
אַ שטומעניש פון אַ בית־עולם,
אַן אָפּגעברענטער שטייט דער וואַלד פון פּוילן
און איך בין איינער, איינער —

פון משפּחות, שטעט, קהילות,
שולן, בתּי־תּפילות,
שטיבלעך און פאַראיינען —
בין איך איינער, איינער.

☆ ☆ ☆

חסידיש

האַלב־טונקלקייט הילט איין ס׳חסידים־קלייזל,
דער שבת פאַרגייט, עס נענטערט די וואָך.
פאַרקלעמט איז ס׳האַרץ אין שווערן טרויער,
עס קומט אָן די גרויקייט, די יאָך.

שטיל זיצן חסידים אין קלויזיקע ווינקלען,
ס׳בליקט עמעץ פאַרטראַכט אין אַ ספר אַריַין;
אַ צווייטער לויפט אום געשפּאַנט: וואָס טוט מען
דער הייליקער שבת זאָל נישט פאַרגיין?

און פּלוצעם הייבט אָן אַן אַברך אַ דאַרער
אַ געזאַנג מיט אַ קלינגעוודיק קול;
ס׳כאַפּט אונטער דער עולם דעם נייַעם זמר,
דעם רבינס ניגון פון אַמאָל.

און שוין פלעכטן זיך אָרעם מיט אָרעם
און גופים מיט גופים אין אַ ראָד;
ס׳שטייַגן חסידים אַלץ העכער און העכער
אין אַ כּישוף־קאַראַהאָד.

דעם רבינס אויגן לויכטן אויף, שייַנען,
אַ שמייכל קושט מילד זייַן ליפּ:
„אַ גוטוואָך, אַ פריידוואָך פאַר כּל־ישׂראל,
פאָטער אין הימל, אוי גיב!״

☆ ☆ ☆

אויף פּרצעס אַלטן מאַרק

דרייַ יונגען פון פּוילן, דרייַ פּליטים,
אין אַ ליכטיק־סעפּטעמבער פרימאָרגן
אויפן זאַמאָשטשער מאַרקפּלאַץ דעם אַלטן.

פּרצעס מאַרק איז אויפגערודערט —
די רוסן ציען זיך צוריק צום בוג,
די רויטאַרמייער לאָדן זיך, געשפּאַנט און אײַליק,
אויף לאַסטאויטאָס, די שווערע טאַנקען
רוקן זיך פּאַמעלעך אויף נאַזאַד.

צוויי וואָכן קוים האָט אָנגעהאַלטן
די רויטאַרמיי־ממשלה אינעם שטעטל;
געיובלט האָבן געסלעך יידישע,
שוסטער־יונגען האָבן צו די ביקסן זיך גענומען,
אין דער שטאָטמיליץ געדינט;
און מיידלעך האָבן לופטקושן און בלומען מיטגעשיקט
די טאַנקיסטן אין זייער מאַרש פאָרויס
ביז טיפּפוילן, ביז וואַרשע.

און פּלוצעם —
אַזאַ וויסטע בשורה:
מיט נאַצי־דײַטשלאַנד דורכגעקומען,
צום בוג מע גייט צוריק,
די נײַע גרענעץ.

וואָס זאָלן יידן טאָן אין דער גורל־שעה?
פאַרלאָזן היים און הויז, האָב און גוטס
און מיט איין מאָל ווערן פּליטים?

זיך וואַלגערן מיט ווײַב און קינדער, מיט זקנים
אין שילן, באַנסטאַציעס, סקווערן
אין ווינט און קעלט פון אָנקומענדן אָסיען?

עס לויפט די יוגנט, יונגען, מוידן,
די רויטאַרמיי־לידער האָבן זיי פאַרשיכּורט,
פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע, הויזגעזינדן
און ציען צו דעם בוג, דעם טײַך פון לעבן.

רוב יידן זאַמאָשטשער לויפן נישט,
בלײַבן אין דער שטאָט, פון שרעק אָפּהענטיק.
פאַרהעמערט אין די היימען וואַרט מען
אויפן אָנקום פון דעם דײַטש, דעם משחית,
און תהילים זאָגט מען און מען בעט,
ס׳זאָלן שכנים, אייניקלעך פון כמיעל און גאָנטע,
נישט נעמען קיין נקמה.

אויפן שאָסיי, מיט מײַנע חברים,
מיר שפּאַנען אָן אַן אָפּשטעל
אַהין, צו דער בריק איבערן בוג,
פון לוידמער, אין וואָלין.

אַוועק! וואָס ווײַטער
פון דער עדה דער פאַרמשפּטער
אין זאַמאָשטש, פּוילן.

✡ ✡ ✡

מײַן יחוס

ס׳איז מײַן יחוס
פון אָרעמקייט ריינער,
אַן איידעלע גזע
פון שטילע אביונים.

מײַן זיידע געווען איז
אַן ערלעכער שוסטער;
געתהילימט אין איינעם
מיט יידן פּראָסטע.

מײַן טאַטע האָט שטיוול
אַ לעבן געניייט;
אַן אביון אַ בכּבודער
מיט דלות באַקליידט.

מײַן מאַמע — אַ שטילע,
אין איידעלן טרויער,
אין פּראַצע שווערער
דורך וואָכן גרויע.

זעקס קינדערשע קעפּלעך
געצוואָגן און געקרויזט;
געווען איז דאָרט היימלעך
אין אָרעמען הויז.

און איך, דער לעצטער,
פֿאַרבליבן פון בראָך,
טראָג ווײַטער אויף אַקסלען
די אָרעמקייט־יאָך.

✡ ✡ ✡

פון מײַן לעבן

מײַן קינדהייט געלאָזן כ׳האָב אין אַ פינצטער שטיבל,
ווו ווענט האָבן נאַסע באַוויינט אונדזער גורל.
שוין קליינווײַז האָב איך זיך געטראָגן אַ טריבער,
מיט אַ געהיימער, פאַרבאָרגענער מורא.

אין פינצטערע נעכט האָבן מאַמעס געבעטן
געהיט אונדזער נעסט פון פײַנטלעכע שלעכטסן;
און כ׳פלעג אין דער שטילקייט פון שטוב הערן
דעם טאַטנס הוילע, פאַרטײַעטע קרעכצן.

און כ׳האָב אין די חצותיקע שעהן פאַרנומען
ווי ער האָט געפירט מיט גאָט אַ וויכוח:
״אוי טאַטע אין הימל, זאָל ער שוין קומען
און ברענגען די גאולה שלימה — משיח!״

און איך האָב פון נויט געוואָלט זיך באַפרײַען
נישט מיט קיין תפילות — מיט פויסטן האַרטע...
נאָר סיי־ווי איז אומקום אַקעגן געקומען
שטאָטס אַלע משיחים דערוואַרטע.

און איך בין אַנטרונען — אַ שפּליטער אַ לעצטער,
געלאָפן אויף מזרח, אויף וועגן פאַרוויטע;
אין אייגענעם שווייס געווען אַ צענעצטער,
געאָטעמט די פרעמדקייט פון שטויביקע ווײַטן.

און ס׳האָט זיך מײַן גוף געוואַלגערט אויף וועגן
ווי עפּעס אַן אָפפאַל, אַ שרץ, אַ וואָרעם,
און יעטווידער שטיין איז געווען מײַן געלעגער,
מײַן חלום און וואָר — אַ קרייז פון יסורים.

און כ׳וואָגל ביז איצט, מיט טאָרבע און גראַטעס
און אַ בינטל כּתבים — טרעריקע לידער;
און מיטן זכר פון מאַמעס און טאַטעס,
פון אַלע פאַרפײַניקטע שוועסטער און ברידער.

☆ ☆ ☆

זײַ מיר מוחל

פֿאָטער מײַנער, זײַ מיר מוחל,
פֿאַרגיב מיר אַלע מײַנע זינד;
ס׳איז דײַן הייליקייט נישט זוכה
דײַן זון, דײַן לעצט־פֿאַרבליבן קינד.

וואָלט איך געקאָנט אויפֿסנײַ דערהערן
דײַן האַרבע פֿאָטערשע שטים
און, דיר צוליב, זיך ווידער שווערן,
אַז כ׳וועל שוין זײַן גוט און פֿרום.

וואָלט איך געקאָנט קומען אויף דײַן קבר,
קדיש זאָגן, אָנצינדן אַ ליכט,
און בײַ דעם שײַן — זען דעם עבר,
דײַן תמיד־ערנסטן געזיכט.

נאָר איך קען איצט גאָרנישט מער
ווי זינגען מײַנע איכה־לידער;
יעדעס מאָל — לאָזן אַ פֿרישע טרער,
יעדן טאָג — טרויערן ווידער.

✡ ✡ ✡

מיַין טאַטע

מיַין טאַטע איז געווען אַ שטאָלצער ייד.
חכמה האָט געשײַנט פון זײַנע וויעס,
דורותדיקער טרויער האָט אין זיי געטליעט,
נאָר גלייביק־זיכער — זײַנע טריט.

טיף געווען זײַן ריידן, און דאָס שוויַיגן.
ער האָט געטראָגן דעם ביטער־שווערן גורל
רואיק און געלאַסן, ווי זײַן שטייגער,
אָן פוסטע רייד, אָן טענות צו דעם בורא.

געווען ביַי אונדז אַ שטוב מיט קינדער,
ער אַליין איז געווען זייער שפּײַזער;
פלעגט נויט פאַרגנבנען זיך אין הויז
מיט הונגעריק געשריי און געבייזער.

האט ער די נויט פון דער היים געטריבן
מיט זשומענדיקן קול פון דער ניימאַשין;
ר׳האָט געטרייסט זיך: ס׳איז דאָך פאַראַן
אויף דער וועלט אַ סדר און אַ זין...

און ווען מלחמה־שׂרפה האָט געפלאַקערט
און איך בין פון דער היים אַוועק,
איז ער פאַרבליבן מיט ווייַב און קינדער,
באַשיצן זיי פון פיַין און שרעק.

און אַז מע האָט געפירט די יידן־עדה,
ווי שייטערס האָבן היימען שוין געברענט,
איז ער געגאַן, ווי אברהם צו דער עקדה,
מיט מיַין שוועסטערל אויף די הענט.

☆ ☆ ☆

בײַ אונדז אין שטוב

אין מײַן היים, אין טאַטנס שטוב,
איז קאַלט און טונקל ווי אין אַ גרוב;
ס׳רינט די פײַכטקייט פון די ווענט,
ווי טרערן אויסגעווישט מיט מאַמעס הענט.
ס׳איז אָנגעשטעלט אין שטוב און ענג,
אַ טיש שטייט דאָרט מיט צוויי לאָמע בענק
און נעבן אים אַן אַלטע ברייטע שאַנק
פון האָלץ געשניצט, פון יאָרן לאַנג.
בײַם קיך — די מאַמע מיט ברוין־בלאָע הענט
פּאָרעט זיך בײַם פײַערל וואָס קוים ברענט.
זי האָט פּאָר קאַרטאָפל אָפּגעשיילט,
אַ ביסל וואַרעמס פאַרן הויזגעזינד געגרייט.
אין ווינקל דאָרטן שטייט אַ ניימאַשין
און סקריפּעט, זשומעט ווי אַ זלידנע בין.
איבער איר — דער טאַטע אײַנגעבויגן,
לויפט נאָך דעם נאָדלשטאָך מיט מידע אויגן.
יאָרן־לאַנג ווי ער זיצט אַזוי און נייט
פון גרויען פאַרטאָג ביז די זון פאַרגייט.
די מאַשין איז אַלט, זי קרעכצט און ברומט,
און דער טאַטע איבער איר — שטומט.
באַלד גרייט די מאַמע דאָס וואַרעמע געקעכץ
און לאָזט אַרויס דערבײַ אַ שטילן קרעכץ.
נאָך וועטשערע גיב איך אין ווינקל אַ פאַרקריך
און לייען בײַם נאַפטלאָמפּ שעהן־לאַנג אַ בוך.

די שוועסטערלעך, פּאַרטוליעטע צוזאַמען,
שלאָפן בײַ דער זײַט פון דער מאַמע.
דער טאַטע לייגט זיך אויך, ער הוסט,
דער ווײנט אין דרויסן וואָיעט וויסט.
די אויגן קלעפּן זיך מיר, איך פאַרמאַך
ס׳בוך, ס׳איז צײַט צו מאַכן נאַכט
אויף אַן אויסלייג־בעטל בײַ דער טיר —
אַזוי ציען טעג זיך ווי אַ שוואַרצע שנור.

✡ ✡ ✡

שטײַער־עקזעקוציע

איין מאָל, אין אַ וואַרעם־פרילינגדיקן טאָג,
איז נעבן אונדזער טיר, אויפן גאַסן־ברוק,
די פור פון פוילנס שטײַעראַמט פאַרפאָרן,
געקומען זײַנען צוויי, מיט טעקעס און מונדירן.
דער טאַטע איז שטיין געבליבן מיט אַ געפּלעפטן בליק
בעת זיי האָבן אין פּאַפּירן דאָרט אַרײַנגעבליקט,
די מאַמע איז צו די פרעמדע לײַט צוגעגאַנגען
און הכנעהדיק געפרעגט: ״וואָס טוען זי פאַרלאַנגען?
איר זעט דאָך ווי דאָ קוים מע זשיפּעט...״
און אין דעם האָט זי זיך הייס צעבליפּעט.
ס׳האָבן די שטײַערלײַט אין די מונדירן
איר נישט געענטפערט, אויפגעפּראַלט די טירן,
באַלד זײַנען טרעגער צוויי אין שטוב אַרײַן,
די מאַמע איז פאַרלאָפן זיי מיט אַ געוויין,
האָט איינער איר בייז אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט
און אַ שטויס געטאָן צו דער האַרטער וואַנט.
צום טאַטנס ניימאַשין זיי האָבן זיך געלאָזן שנעל,
דעם קאָפּ אַרויסגעריסן פונעם הילצערנעם געשטעל,
דערנאָך דעם טיש געשלעפּט, געלאָדן אויף דער פור,
די מאַמע האָט די הענט געבראָכן: ״וויי איז מיר!״
דער אָנטרײַבער האָט דערלאַנגט אַ גיכן שמיץ —
און אַוועק זיי זײַנען מיט אונדזער האָב־און־גוטס.

צוויי ברידער

צוויי ברידער, צוויי יידן
פאַרוואָרפן אין ווייַט;
צוויי עלנטע יידן
אין עלנטסטער צייַט.

ס'איז איינער געווען
אַ שנייַדער אַ גוטער,
געשטעפּט האָט דער צווייטער
מאַנטלען פון פוטער.

און יידישע היימען
ווי לייַטן געפירט;
סע האָבן דאָרט קינדער
זיך פריידיק געשפילט.

צוויי גאָלדענע קינדער
האָט יעדער געהאַט;
אַ מיידל — אַ בלימל,
אַ יינגל אַ כוואַט.

ביז ס'זייַנען די רוצחים
געקומען צו גיין
און היימען פאַרוואַנדלט
אין וויסטן געוויין.

זייַנען די ברידער
אויף מזרח אַוועק,
געלאָזן די היימען
אין עלנט, אין שרעק.

פרעמד איז דאָס לאַנד דאָ,
שנייַדיק די פרעסט,
און עס באַקומט נישט
די זופּ וואָס מע עסט,

ווען דאָרטן איז הונגער,
מע יאָגט און מע טרײַבט;
עס בענקען די ברידער
נאָך קינד און נאָך ווײַב.

בײַנאַכט זײַנען בעטן
קאַלט און עס ציט
צום היימישן לײַב,
צום אייגענעם בלוט.

אַמאָל קומט אַ בריוול
מיט אותיות פאַרקרומט:
„ווו האָסטו געלאָזן
דײַן ווײַב און קינד?"

די צווייטע, וואָס שרײַבט?
„מײַן טײַערער מאַן,
האָסט שוין אַן אַנדערע
געפונען מסתם..."

ס'שרײַבן די קינדער:
„טאַטעשי קרוין,
ווען וועסטו קומען
צוריק אַהיים?"

ס'לייענען די ברידער
די בריוולעך אויפסנײַ;
סע בלוטיקן הערצער
פון צער און וויי.

עס ענטפערן ביידע
אַזוי און אַזוי:
„טײַערע קידער,
איינציקע פרוי."

זיי שרײַבן און שרײַבן
מיט פלעקיקן כתב:
„מיר זײַנען פון בענקשאַפט
געוואָרן שוין שלאַף.

ס׳איז ווײי און ביטער,
מיר שלאָפן קיין נעכט,
ס׳גייט אויס דאָס לעבן
ווי אַ צאַנקענדיק לעכט.״

בײַנאַכט ליגן ביידע
און ריידן אויפן קול,
זיי ריידן און ריידן
אַלץ וועגן אַמאָל

און ווי קומט מע איצט
צוריק אַהיים —
צו אייגענע שטיבער,
געזינד און געביין.

ווײַט איז דער ישוב,
העט פון אַ באַן;
ס׳איז שווער אַזוי
אַוועק פון דאַן...

און ביז ס׳גייט אויף
פון מאָרגן די זון,
ווערט קלאָר די ברידער
וואָס דאָ צו טאָן.

זיי גייען שוין ביידע
מיט קלומיקלעך צוויי
דורך שנייקע פעלדער,
דורך ווינט און זאַווײ.

זיי מײַדן אויס מענטשן
און שפּאַנען אַליין
דורך אומוועג, סכּנות —
אַהיים, אַהיים!

✡ ✡ ✡

מאַמע

פון ווײַטע מרחקים רוף איך צו דיר,
און אומעטום הער איך דײַן געוויין;
וואָלט איך פליגל געהאַט איצט אויף מיר
צו פליען איבער גרענעצן צו דיר אַהיים!

כ׳זע דיך שטיין — אַ ווערבע אײַנגעבויגן
אויף שוועל פון שטוב, פינצטער און אַליין;
באַגלייטסט מיך, מאַמע, אויף אַלע מײַנע וועגן,
דײַנע טרערן ברענען אין מײַן געביין.

☆ ☆ ☆

אַ מאַמעס בריוול

זונעניו, קרוינעניו, קדישל מײַן,
איינציקע טרייסט אין מײַן עלנט און פּײַן.
כ׳האָב אויסגעוויינט אַזוי פיל טרערן
ביז האָסט געלאָזן פון זיך הערן,
ביז גאָט האָט מײַן געוויין פאַרנומען —
און דיין בריוו איז אָנגעקומען.

היט זיך אָפּ, קינד מײַן, קלער נישט איבער,
די שלעכטע צײַטן וועלן פאָריבער,
אפשר איז אונדז נאָך געגעבן
אויסצוהאַלטן און דערלעבן
ביז וועסט אַהיים צוריקקומען —
טו איך בעטן בײַ זײַן ליבן נאָמען.

הונגער

יעדעס מאָל ווען איך זעץ זיך עסן
און גאָפּל־מעסער אויפֿן טיש צעקלינגען,
גייט אויף אין מיר פֿון זעטיקער פֿאַרגעסונג
דער נאָגנדיקער טעם פֿון הונגער.

אָ, ווי כ׳האָב געפֿילט דעם טעם פֿון הונגער,
ווען אַלע אברים האָבן זיך צעזונגען:
עסן!

אַ רייף אַ בלײַערנע האָט אַרומגערייפֿט מײַן קאָפּ
ווי אַ צעשפּאָלטענעם, אָנגעגליטן טאָפּ,
און אַנגסטן הייסע האָבן מיך גענומען פּרעסן.
און ס׳האָט גענאָגט, גענאָגט אַזוי אין מויל —
עסן!

דער בלײַ פֿון קאָפּ איז צעגאַנגען איבערן לײַב,
מיט שווערקייט אָנגעגאָסן מײַנע הענט און פֿיס,
וואָס זײַנען איבעריק געוואָרן מיר ווי פֿרעמדע.
און מײַנע נאָזלעכער, אָנגעשפּיצט ווי בײַ אַ חיה,
האָבן דערשמעקט פֿון ווי־ווײַט —
דעם ריח פֿון אַ פֿרישן ברויט.
און די הונגעריקע ציין
זיינען אָנגעשאַרפֿט געווען ווי מעסערס,
גרייטע אײַנצובײַסן זיך
אין אַן עפּל, אַ ווייכן פּאָמידאָר
און זשליאָקען, ווי אַ קינד פֿון מאַמעס ברוסט,
דאָס לעצטע ביסל פּוילנדיקע זאַפֿטן.

נאָר ערגער נאָך געווען צו זען דעם הונגער
אין אייגעלעך צעצונדענע פון קליינע קינדער;
געטוליעט האָבן זיי זיך צו דער מאַמע,
גענאָגט פון אירע אויסגעדאַרטע בריסט,
געבעטן זיך באַזונדער און צוזאַמען:
עסן!

נישט איינמאָל האב איך זיך געלייגט
אויף שטרויענעם געלעגער
מיט הונגער אויף צוקאָפּנס,
מיט הונגער אין מײַן אינגעווייד
און אויסגעצערטלט זיך אין חלום —
אַ פרישן לאַבן ברויט,

און נאָך דעם אויפגעקומען און געוואַרט
אויף אויסלייזונג, אויף טויט.

☆ ☆ ☆

אין פרעמדן לאַנד

איך שפּאַן אַ באָרוועסער אין פרעמדן לאַנד,
וויי און ווינד אין מײַן געמיט;
ס׳גליט דער הימל, ס׳גליט דאָס זאַמד,
ס׳ברענען מײַנע נע־ונדע טריט.

איך שפּאַן אַ היימלאָזער, אָן לײַבלעך העמד,
די פיס — צעבלוטיקטע און מידע;
אַרום מיר — אַ וויסטע פרעמד,
מײַן געלעגער — יעדער שטיין און גרודע.

כ׳ליג פאַרחלשט אויפן וועג,
אויפן טרוקן־הייסן ליים;
אין גלי פון זון גייט אויף פאַר מיר
מײַן ווײַטע בלוטנדיקע היים.

מײַן חבר שטאַרבט

מײַן חבר שטאַרבט, אין זאַמד אויסגעצויגן,
פֿאַרוואָרפֿן אונטער פרעמדע פּלויטן;
עס לעשן זיך זײַנע שטאַרע אויגן
ווי צווײ צאַנקענדיקע קנויטן.

כ׳האָב געהאַט מיט אים אַ בונד געשלאָסן,
אין איינעם האָבן מיר געטרוימט, געבויט;
איצטער האָב איך אים אַליין געלאָזן,
געגאַנגען נישטערן אַ שטיקל ברויט.

דאָס איז דער יונג, וואָס האָט דערגרייכן
פיל געוואָלט, טראָציק, אומדערשראָקן;
איצט ליגט ער אינעם זאַמד אין ווייכן —
אַן איינאונצוואַנציק־יעריקער זקן.

דער טיפוס האָט אין בלי אים אײַנגעבראָכן,
ווי זשאַווער האָט צעגעסן אים די נויט;
האָט ער געשלעפּט די הונגער־טעג און וואָכן,
און זיי דערשלעפּט — ביז צום פּלויט.

☆ ☆ ☆

קירגיזיע

לײמיקע שטעגן
געדרײטע און שמאָלע,
בערגיקע װעגן,
תהומיקע טאָלן.

לײמענע הײַזקעס,
פּלױטן פֿון לײם,
סעדלעך מיט פּערשקעס,
טרױבן מיט װײַן.

אַ יונגע קירגיזקע
מיט קרוג אױפֿן קאָפּ,
די צעפּלעך געפֿלאָכטן
הענגען אַראָפּ.

און יורטעס אױף בערג
שטאָלץ אױפֿגעשטעלט,
אַ פּאַסטעך מיט שעפּסן
אױף באַרגיקן פֿעלד.

װאָס דאַרף דען אַ פֿאָלק
צום אײגענעם גליק?
אַ לײמענע כאַטע,
אַ הילצערנע װיג,

אַ פּיצעלע סעדל,
אַ שמאָלן אַריק,
אַן אײגענעם הימל
איבער זיך — און גענוג.

✡ ✡ ✡

ב. דאָס געוויין פון מײַן היים

##ביידע

גאָט אוממאַכטיקער, געטרײַער,
אונדזערס איז אַ טרויערליד
אויף דער ערלעך־ריינער וועלט,
וואָס מיר האָבן נישט פאַרהיט.

דו האָסט זי אין בראָך געלאָזן,
אויסגערויכט און אויסגעברענט;
איר וויי און שיינקייט האָב איך
הייליק טראָגן נישט געקענט.

ביידע זעמיר דורכגעפאַלן
אין אַ דראַמע קאָסמיש־גרויס;
איך — אין זינד בין געפאַלן
דו — אויף חורבות פון דײַן הויז.

✡ ✡ ✡

שבעה

כ׳וועל איצט שבעה זיצן נאָך מײַן היים
און קריעה רײַסן — פון אייגענעם געביין;
כ׳וועל דעם וויי אויף אַקסלען טראָגן
און מיט אַש באַדעקן מײַנע וווּנדן;
כ׳וועל מײַן לעבן — מיט זייער טויט פאַרבינדן,
און טריפן וועלן אַלע מײַנע טעג מיט טרויער
נאָך מײַן אָפּגעמעקטער היים.

זעקס ליכטלעך

ס׳האָט דער הימל הײַנט אַזוי געברענט,
די שקיעה — אַ גיהנום־פײַער — האָט געבלענדט
איבער האָריזאָנטן בלוטיק־רויט.
אויפגעגאַנגען איז פֿאַר מיר זייער טויט.

כ׳האָב געזעצט זיך אויף דער ערד אַנידער
און אין נאַכט אין טונקעלער און שפּעטער,
האָב איך שטילערהייט געפּליסטערט
אַלט־יידישע געבעטן.

כ׳האָב אָנגעצונדן זעקס קליינע ליכטלעך
נאָך מײַנע זעקס פֿאַרלאָשענע נשמות;
כ׳בין געזעסן אײַנגעהילט אין טרויער,
ווי זיי דאָרטן, בײַם געטאָ־מויער.

☆ ☆ ☆

טרויער

און יעדן טאָג און אַלע מײַנע יאָרן
וואָס ס׳האָט דער גורל פֿאַר מיר אויפגעהיט,
נאָגן וועט אַ וואָרעם — דער זכרון,
טרויער וועט באַגלייטן מײַנע טריט.

פיר קליינע קינדער, שאָף פֿאַרלאָזטע,
און איך דער עלטסטער, דער בכור;
ווי האָב איך זיי אַליין געלאָזט דאָרט,
די שוועסטערלעך מיט גאָלד־בלאָנדע האָר?

אומזיסט וועל איך שוין איבער גאַסן
זוכן זיי אין פרעמדע שטעט;
מיט זייער אַש, מאַרך און ביינער
אָנגעזעטיקט איז די ערד.

העלפט מיר

העלפט מיר טרויערן, איידעלע פּאָעטן,
כ׳בין פון ווייטיק גרוי און בלינד,
כ׳בין פון חורבן־פאָלק דאָס קינד;
קום אַראָפּ, דו גרויסער געטע,
פון דייַן קין־שטאַם קויף אויס די זינד.

העלפט מיר קדישן, טייַערע פּאָעטן,
פאַרוואַרפט די לידער און סאָנעטן
וועגן ליבע, נאַכט און שטערן;
קום אַראָפּ, גרייַז־גרויער האָמער,
אַ נייַ־אָדיסייע וועסטו הערן.

שעקספּיר, דאַנטע און מיצקעוויטש,
זינגט מיט מיר דאָס ליד פון גרויל;
און זאָל דער ווייגעשריי פון קרבן,
און זאָל דאָס ליד פון אונדזער חורבן —
אויפטרייסלען דעם ערדקויל.

☆ ☆ ☆

וועלט אין 1942

ווי הונגעריקע וועלף, פון מאָרד צערייצטע,
מאַרשירן מחנות דייַטשע.

ס׳טראָגן זיך צום הימל די דערשטיקטע רופן
מיטן ווייַרויך פון פאַרברענטע גופים.
די מאָרדאויוונס פון טרעבלינקע און מיידאַנעק
פאַרצוקן עדהס יידן מיט גרויס תענוג.

ס׳שטייַגט דער מאָרד, די רשעות שטייַגט —
און ס׳שווייַגט אייראָפּע,
די וועלט די גאַנצע —
שווייַגט.

נאָך טויזנט יאָר

נאָך טויזנט יאָר דאַרף מען זינגען
וועגן אונדזער אומקום-פּייַן;
זאָל קיינער זיך נישט מאַכן גרינגער
און זאָגן: „געווּג איז שוין."

ס'האָט סעגאַלאָוויטש, דער באַקלאָגער,
באַשווירן מיט זייַן איכה-ליד,
מע זאָל ווייַטער קדיש זאָגן
נאָך יעדן אומגעבראַכטן ייד.

און ישׂראל שטערן האָט געבעטן
אין זייַנע לעצטע צאַנק-מינוטן,
מע זאָל דעם ווייטיק רעטן
פון פאָלק וואָס ווערט פאַרשניטן.

☆ ☆ ☆

הענט

נישט קיין שׂרפה פון רויך און פייַער,
נישט קיין פלאַמען-געשפּיַי פון אַ קראַטער
האָבן אומגעבראַכט די מאַמעס און די טאַטעס.

נישט די ערד האָט צעעפנט איר תהומיק מויל
און פאַרשלונגען אין אָפּגרונטן טיפע
דעם גאַנצן דור, די מיליאָנען גופים.

נאָר אַ האַנט, אַ מענטשן-האַנט —
האָט פאַרצוימט און געשלאָגן מיט טויט און בראַנד.
און מענטשן-הענט האָבן קינדער צעפליקט,
מענטשן-הענט האָבן אין אויוונס געשיקט,
מענטשן-הענט האָבן פאַרגאַזט, געראַבעט —
מענטשן-הענט האָבן זיי אויסגעטויט.

יידישע טעכטער

יידישע טעכטער ווי פרומע געזאַנגען,
מיט זאַפטיקע ליפּן ווי טרויבן אויף שטאַנגען,
מיט ליכטיקע אויגן — זוניק און בלוילעך,
האָט מען אין פײַער געוואָרפן צום מולך.

די גאַס פלעגט אַ לײַכט־טאָן מיט יונגשאַפט און לעבן,
ווען זיי פלעגן דורכגיין, אין איידעלן שוועבן;
די זײַדענע קליידלעך ווי פליגל צעווייטע —
ביז ס׳האָט אַ האַנט אַ בלוטיק־פאַרשײַטע
די ווײַסקייט פון זייערע לײַבער געשענדט,
אין אַש זיי פאַרוואַנדלט, אין פײַער פאַרלענדט.

ווי זײַנען נישט בלינד געוואָרן די מעת־לעתן
ווען ס׳האָט זיי דער פלאַם פאַרצוקט, אויפגעגעסן,
ווי האָט די ערד נישט אויפגעגרווילט,
ווען מ׳האָט זייערע הייליקע לײַבער געקווילט,
ווען ס׳זײַנען אָן טרייסט און אָן רחמים פאַרגאַנגען
יידישע טעכטער ווי פרומע געזאַנגען.

✡ ✡ ✡

אין יענעם טאָג

ס׳ברענען שוין די לעצטע פײַערן אין די גאַסן,
ס׳טרינקט זיך מײַן היים אין בלוט און וויי,
אויף פײַער־פליגל טראָגט זיך דאָס געשריי,
דאָס גסיסה־ליד פון אומקום און פון האַסן.

אַ שטומע שטייט די וועלט און שווײַגט בײַם מאָרד,
די ערד האָט קיין ציטער נישט געטאָן,
נישט גערירט פון אָרט,
און נישט דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן;
גאָט אַליין האָט זיך אין יענעם טאָג
פון שרעק באַהאַלטן.

אַ משכּון

ס׳האָט הונדערטער מײַלן מײַן פוס אויסגעמאָסטן,
געוואָרפן מיך האָבן גורלות צעשפּילטע;
מײַן היים האָט געברענט, אין רויך און אין פלאַמען,
נאָר איך בין אַ גאַנצער אַרויס פון דער שחיטה.

כ׳האָב ווײַטער געיאָגט זיך אויף שטויביקע שליאַכן,
דורך סטעפּעס און טײַגעס מײַן וועג האָט געשניטן;
כ׳האָב זיך געברודערט מיט הונגער, סכּנה,
נאָר טויט האָט מײַן לײַב און לעבן געמיטן.

ווי זאָל איך אַצינד דעם חשבון אויסגלײַכן,
וואָס מאָנט און ברענט ווי סם אין די גלידער?
כ׳טראָג דאָך מײַן לעבן אַזוי ווי אַ משכּון,
געבאָרגט בײַ מײַנע פאַרטיליקטע ברידער.

☆ ☆ ☆

אַזוי פיל לידער

אַזוי פיל לידער האָט מע שוין געשריבן,
דאָס אַש און בלוט מיט ווערטער צוגעדעקט,
נאָר קיינער האָט נאָך אַלץ נישט אויסגעזונגען
אַלע אָבל־לידער ביזן ברעג.

כ׳זע נאָך איצטער שאָטנס פון חברים,
זיי קומען אין מײַן הויז געהיים
און שטאַרן אין די טונקעלע ווינקלען
פון מײַן אַבלדיקער היים.

נעם איך די פּען אין האַנט און שרײַב
א זכר־ליד אויף אייגן בלוט און לײַב,
צינד איך אויפסנײַ אַ ליכטל אָן
און לאָז אַ שטילע טרער און דערמאָן.

אין צוג

דער צוג שנײַדט די ווײַטקייט אין ווילדן געלויף,
יאָמערדיק יאָגן די ווינטן אים נאָך;
ער וויגט זיך, און וויגנדיק וויקלט ער אויף
ווי אַלטע יריעות — מײַן ווײ און מײַן בראָך.

איך קוק דורכן פענצטער — ס׳בליט שוין דאָס פעלד
און פריידיק באַגריסט מיך אַ גרינער קוסט,
נאָר מיר האָט אַ וואָלקן די אויגן פאַרשטעלט
און שוואַרצער טרויער פאַרקלעמט האָט מײַן ברוסט.

קען זײַן, אַז דער וואַלד וואָס כ׳פאָר אים פאַרבײַ
האָט פאַרנומען זייער לעצטן געשריי,
כ׳ווייס נישט און וועל שוין קיינמאָל דערגיין
דעם גרויליקן אמת פון זייער פאַרגיין.

ווו זאָל איך זוכן און וועמען דאָ פרעגן?
ס׳שטומען די פעלדער, עס שווײַגן די וועגן.
און ס׳וויגט מיך דער צוג און צעבויטעט מײַן ווייטיק
און טראָגט מײַן טרויער מיט אין די ווײַטן.

✡ ✡ ✡

און וואָס?

און וואָס זאָל איך איצט טאָן מיט מײַנע אַכטאונצוואַנציק
יאָר,
אַז אויסגערונען איז פון זיי די פרייד אין גאַנצן?
כ׳בין אַן אָפּגעהאַקטער צווײַג פון אַזאַ דור,
וואָס קען זיך שוין אין ערגעץ נישט פאַרפלאַנצן.

כ׳וואָלט באַדאַרפט מיט מײַנע אַכטאונצוואַנציק יאָר
אויסקויפן די זינד פון זײַן,
וואָס איך האָב מיטן גאַנצן דור
נישט געוואָלט פאַרגיין.

קען זייַן

קען זייַן, אַז ס'קען נאָך עמעץ פרייען זיך מיט ליכט
און שפּיגלען זיך אין גלאַנץ פון טוי און רעגן,
נאָר איך זע בלויז מייַן מאַמעס בלייך געזיכט,
ס'באַלייט איר שאָטן מיך אויף אַלע מייַנע וועגן.

מייַן ליד איז אַן אָנגעפילטער לאָגל
מיט אירע טרערן און געבעטן;
כ' טראָג אים מיט אין מייַן וואַנדער־וואָגל
אויף וועלכער ערד איך זאָל נישט טרעטן.

☆ ☆ ☆

אַז דער טאָג קומט אויף

און אַז דער טאָג קומט אויף און פאַרגייט —
וווּהין זאָל איך טראָגן מייַן עלנט, מייַן לייַד?

אַ צווייַג אַ לעצטער פון אַ בוים וואָס האָט
געבליט און געתפילהט צום נאָענט־ווייַטן גאָט,

און נאָך דעם געצאָלט דעם בלוטיקן שטר
אין טאָג פון פאַרלענד און גרויזאַמען גזר.

אָ וועלכע גורלות געפירט מיך בייַם האַנט
האָבן אויף מזרח, אין שניייקן לאַנד?

כ'זאָל בלייַבן און פיבערן נעבטנס, אַצינדס —
אַ ליכטל וואָס פלעמלט אין נאַכט און אין ווינט.

און אומעטום זייַן שוין און בלייַבן געקלעמט,
אַן טרייסט און אָן פרייד, אין אייביקער פרעמד.

כ׳בין אַ פּליט

כ׳בין אַ פּליט, וואַנדער איבער פרעמדע גאַסן,
מיד פון צאָרנען — אויף גאָט און מענטש — מיד פון האַסן.

און אַ ניגון ברומט אין מיר — הוילער טרויער־געוויין —
מײַן היים האָט מען פאַרקברט, מיך געלאָזן ווי אַ שטיין.

ווי קען איך שטילשווײַגן, אַז כ׳בין איינער, איינער,
פון מײַן הויזגעזינד געבליבן, מער נישט קיינער.

פון אַ שטאָט מיט יידן — קינד און קייט פאַרשניטן,
האָט די האַק פון קוילער איינעם אויסגעמיטן.

ס׳קומען ווערטער אויף אין מיר, קדישן און בעטן
כ׳זאָל ווי ליים זיי אין מײַן טרויערליד פאַרקנעטן.

ס׳גייט מײַן היים אויף — פון תהומיקע פאַרגאַנגען
אין לידער בלוטנדיקע, צעריקע געזאַנגען.

☆ ☆ ☆

אין מײַן היימשטאָט

ס׳בליען אין מײַן היימשטאָט די קאַשטאַנען,
די סאָסנעס וויגן זיך צעגרינטע, שלאַנקע;
איבער פלויטן, דראָטענע פאַרקאַנען
האָבן בעז־ביימלעך זייער בלי צעהאָנגען.

נאָר ווו זײַנען מײַנע ברידער־יידן?
נישטאָ קיין זכר פון זייער היים און מי.
בלויז פייגל זאָגן קדיש און דערמאָנען
און פרעגן שטוינענדיק, ווי איך: ווו?

וועמען?

וועמען גייט איצט אָן מײַן בלינדער ווייטיק,
און ווער באַדאַרף אַצינד מײַן טרעריק וואָרט?
און וועמען בין איך, דער שׂריד, נייטיק
דאָ — אויף מײַן געשענדעט היימיש אָרט?

דעם טאַטנס קבר האָב איך נישט געפֿונען,
פֿאַרלאָזן שטייט די נעסט פֿון מײַן געבורט.
ווי קענען מיך וואַרעמען נײַע זונען,
ווען ס׳שרײַט פֿון יעדן ווינקל — מאָרד?

☆ ☆ ☆

פֿאַרגעס נישט

ווען לויפֿסט אום פֿאַרהאַוועט אין געאײַל פֿון לעבן
און יאָגסט זיך נאָך גליק — פֿרייד און גענוס,
פֿאַרגעס נישט דעם קרבן וואָס מע האָט געגעבן,
ווען היים איז געבליבן חרוב און וויסט.

ווען שפּאַנסט אום אין טעג געמיטלעכע, זאַטע
און פֿרעמד ווערט דיר דער טעם פֿון לײַדן,
פֿאַרגעס נישט דעם קדוש — דײַן לײַבלעכן טאַטן,
פֿאַרשווער נישט דעם זכר פֿון הייליקע עדהס.

ווי קען מען פֿאַרגעסן, ווי טאָר מען פֿאַרגעסן
דעם בלוטיקן שניט פֿון זעקס־מיליאָן־טויט?
מוזסט פֿילן די פּײַן אין דײַן טעגלעכן עסן,
די בראָך פֿונעם פֿאָלק — אין דײַן ברויט.

דער בלאָער נומער

דער בלאָער נומער, אײַנגעקריצט אין אָרעם,
פֿאַרשלאָסן האַלט אַ וועלט אַ פֿאַרבאָרגענע
פֿון גרוילן און גיהנומס אומגעהײַערע,
ימים פֿון האַס און פֿײַער־רויכן,
אין וועלכע ס׳האָבן זיך געטרונקען און געוואָרגן
מײַנע שוועסטער־ברידער — ייִדן,
קינדער פֿון דעם פֿאָלק דעם אויסדערוויילטן
אויף פּלאָג און לײַדן.

אָט זײַנען זיי —
שׂרידים, האַלאָוועשקעס,
מענער גרוי־געוואָרענע, קלוגע,
פֿרויען — הייליקע מאַדאָנעס.
אַיעדער פֿון זיי איז דורך
גיהנום־אָפּטיילן פֿיל שרעקיקער
פֿון דאַנטעס אַליגעריס אויסגעדאַכטע בראַנדן.

געלאָפֿן זײַנען זיי דורך פֿעלדער, וועלדער,
פֿון אונטערן מעסער פֿון צעיושטן מערדער,
געקראָכן ווי די קרעט אין אונטערערדן,
געצאַפּלט אין דער שטיל און נישט אויפֿגעגעבן —
די דינע האָפֿענונגס־שנור פֿון לעבן.

ווו זײַט איר, פּאָעטן פֿון די אומות,
ס׳איז נאָך נישט שפּעט, עס לעבן שׂרידים,
איר זאָלט קומען זען, הערן,
מיט זייער צער זיך מתיחד זײַן,
אויף הערצער־לוחות אים פֿאַרקריצן.

✡ ✡ ✡

גדליה

לזכר גדליה סימכאָוויטש, 18 יאָר אַלט.
געפאַלן אין שלאַכט מיט די נאַצישע
אָנגרייפער, האַרבסט 1942.

ביסט געווען אַן אָפּגעהיטן מאָסקווער קינד
און איך — אין קאַנטן וואַרשעווער געוואָקסן,
איז געקומען דער מלחמה־ווירבלווינט
און אונדז אַ וואָרף געטאָן אין שטורעם־שלאַקסן.

האָט זיך צעשפּילט דער בלוטיקער זאַווײ,
ביסטו אַרויס — דעם פאַרלענדער שלאָגן
און ווי אַ קרבן־תמים — יונג און ריין —
דײַן צאַפּלדיקע יונגשאַפט פאָרויסגעטראָגן.

אין וועלכן פעלד, אין וועלכן פײַכטן גרוב
ביסטו געפאַלן, אין שניי און רעגן?
דײַן זכר לעבט אין מיר, ברודער מײַן,
כאָטש מיר האָבן רעכט זיך נישט געזעגנט.

☆ ☆ ☆

אין קלויסטער פון כעלמנאָ

מיט בלוט פון לײַבער זײַנען געצייכנט
די טונקעלע ווענט פון קלויסטער אין כעלמנאָ,
מיט ווידוי־געפּליסטער, יללות און קללות,
אין רגעס לעצטע פון אַנגסט און פאַרגאַנג.

אין קלויסטער פאַרשפּאַרטע, אין וואָגן געשלײַדערט
און גלײַך אין סקעלעטן צעקרומטע פאַרוואַנדלט,
בײַם שײַטער אין וועלדל פאַראַשט.

עס שרײַט דאָס רויטע געשריפטס אַראָפּעט
פון קלויסטער ווענט ביז הײַנט צו טאָג:
נעמען און דאַטעס, אויסרוף־געשרייען
צו גאָט דעם פאַרשטומטן און ברודער־מענטש־קין,
לנצח, לדורות, פון קלויסטער ווענט כעלמנער,
אין מדינת פוילן.

אויף געטאָ־חורבות

אייביקער האַרבסט, טריפנדיקער רעגן
אויפן שטויב פון געטאָ־וועגן.
צווישן גליווערדיקע בערג, נאַקעט־רויט,
שטאַרן בראָכשטולן פון געטאָ־טויט.

עס וויינט אין נעבט אין טריבע
אַ צעפליקטער סידור, וואָס איז פאַרבליבן
צווישן גרודעס ליים און ערד:
"טויט זיַינען ייִדעס מיט וויַיסע בערד,
ווי שאָף און רינדער
האָט מען אויסגעקוילעט די קינדער..."
צעבליפן זיך די אָפּגעמעקטע אותיות
און פון גרוב, אין פיַיכטער נידער,
פאָרכטיק ציטערט ווידער —
שפוך חמתך...

און דער ווינט כאַפּט אויף די ווערטער,
צעטראָגט זיי איבער וויסטע ערטער.
און אין נאַכט אין כמאַריק־בלינדער
גייט דאָרט אויף אַ גרויזאַם ווונדער:
בראָך מיט בראָך נעמט זיך באַהעפטן,
ס׳ריזלען אויף אַלטע קרעפטן,
ס׳ברויזן אין רוינעס קברים
ווי אַ ים אין בייזן שטורעם.

און אַלע מויערן פאַרברענטע,
אַלע שולן געשענדטע,
אַלע קופּעס ציגל־ליים,
אַלע טויטע שטיקער היים —
אַלע קלאָגן, אַלע וואָיען:
שפוך חמתך על הגויים...

✡ ✡ ✡

זכות אבות

גאָטזעליקע מאַמע געטרייַע,
לייַבלעכער פאָטער, דו מייַן,
די אומשולדל אַליין זייַט איר,
פון כּרובים ושׂרפים מער ריין.

ברודערל מייַן, דרייַ שוועסטער,
גוטע חברים פון אַמאָל —
אייַך אַלע האָב איך געלאָזן
אין דעם הבכא־טאָל

פון פוילן, אָטוואָצק ביי וואַרשע,
אַ יידנשטאָט, יונג און אַלט,
מיט זאַמדן קלאָרע, לופט ריינער
פון טרוקענעם סאָסנעוואַלד.

מייַן ליד איז אַ שטילער עכאָ
פון אייַער געזאַנג און געוויין;
פון אייַך אַזוי וועל איך זינגען
ביז ס׳וועט מייַן טאָג פאַרגיין.

✡ ✡ ✡

דער ניגון

ס׳ציטערט דער ווייטיק
אויף פידל־בויגן,
ס׳פלאַטערט דער ניגון
דין, אויסגעצויגן.

אַ פאָלק איז אין גריבער
געוואָרן פאַרטריבן,
ס׳איז בלויז אַ ניגון
פון אים פאַרבליבן.

וויינט דער ניגון
מיט סטרוניקע טרערן,
שטיל, ממעמקים,
קוים צו דערהערן.

צאַפּלט דער ניגון,
פאַרשטיקט אין געוויין,
ס׳ציטערן סטרונעס
מיט גרויל פון פאַרגיין.

אַזוי ווי יום־כּיפּור
פאַרנאַכט, ביַי נעילה —
בעט איצט די שכינה
ביַים ניגון מחילה.

☆ ☆ ☆

ווּ זײַט איר געווען?

ווּ זײַט איר געווען ווען מ׳האָט געבײַטשט
אונדזערע לײַבער מיט בראַנדיקער רוט?
ווען גופים זײַנען געשווילן פון הונגער
און קויט האָט געטריקנט ס׳פּאַרגאָסענע בלוט?

ווּ זײַט איר געווען ווען מ׳האָט די עדהס
מיט קעפּ אָפּגעגאָלטע געוואָרפן אין פײַערפלאַם?
ווען מ׳האָט זיי געפירט אין וואַגאָנען פאַרהעמערט,
ווּ זײַט איר געווען, ברידער פון איבערן ים?

געדאַרפט האָט מע דעמאָלט אַרויס מיט יללה,
זיך וואַרפן אויף דער ערד, שרײַען און מאָנען,
אויסרײַסן שטיינער פון גאַסן־ברוקן
און שלײַדערן צאָרניק דער וועלט אין פנים.

נאָר איר זײַט געזעסן אַזוי זיך, פון ווײַטן,
בײַ טישן געמיטלעך, מיט זעט און מיט פרידן,
געהאַנדלט, געלידלט, יום־טובים געפּראַוועט,
אין ווייכע בעטן געלייגט זיך מידע.

און האָט שוין עמעץ געוויינט און גערופן,
געווען איז זײַן רוף אַ קול אָן אַן עכאָ —
און ווײַטער טאָג־טעגלעך אַזוי אָנגעגאַנגען
אין שעה פון אומקום און גרויסן פאַרברעכן.

☆☆☆

מיר און די וועלט

מיר האָבן חלומות וועגן אויסלייזונג געשפּינט,
מיט תּפילה און מיט ליד געוואָלט די וועלט באַנייַען,
נאָר הפקר זייַנען מיר געבליבן אין שטורעמווינט,
אויסגעליפערטע צום שׂטנס בראַנד און פייַער.

ס'האָט קיינער אונדזער בראָך נאָך נישט באַוויינט,
קיינעם האָבן מיר נאָך אַלעם אויסגעפּעלט;
מיר זייַנען אויסגעגאַן אין נעגל פונעם פייַנט
עלנט און פאַרלאָזן פון דער גאַנצער וועלט.

אַ וועלט אַזאַ! קענסט פון איר נישט אַוועק,
קענסט פון איר אין ערגעץ נישט אַנטרינען;
נישט פאַרלאָשן איז ישעיהס טרוים פון לעצטע טעג,
ס'מאַניעט אַלץ פון ווייַטן ס'פּלעמל פון באַגינען.

פאַרבליבן זייַנען מיר אויף אָט דער וועלט צו גיין,
צו האַסן און צו ליבן זי צוזאַמען;
ביז אויפגיין וועט אַ רעגנבויגן — אונדזער פייַן,
קניען וועלן פעלקער פאַר די געטאָ־פלאַמען.

✡ ✡ ✡

די לויצקערין

אָט די שטילע פרוי, די לויצקערין,
איז געלאָפן ווי אַ חיה אַ געיאָגטע
איבער פעלדער־וועלדער פון אוקראַינע.
זומערצייַט — אין סטויגן היי געגעבטיקט,
אָסיענצייַט — אין גרוב, געשיצט פון קעלט.
ס'פלעגן פויערים איר דערקענען — כאַסקעלס טאָכטער,
דעם תבואה־הענדלער, וואָס פלעגט קומען
אין דערפער אייַנהאַנדלען דעם לעצטן שניט.
ס'האָבן טייל דערשראָקן זיך געצלמט,
געטייַטלט מיט די פינגער אַפן בייזן וווּנדער,
אַמאָל אַ לעבל ברויט איר צוגעוואָרפן,
געהייסן אָפּטראָגן זיך אַפגיך.

נישט איינמאָל האָבן אויגן זיך בייַ זיי געצונדן
ווי בייַ אַ חיה ערב לעצטן שפרונג —
פלינק האָט זי זיך דעמאָלט אָפּגעטראָגן,
נישט־געוואָרן אין וואַלד, אין פעלד,
אַן אייַנגעקורטשעטע געלעגן שעהן־לאַנג
אין אַ פּייַכטן ראָוו צי קוסט,
ביז די בייזע שעה איז פאַריבער.

אין שמאַטעס אייַנגעהילט, פון לייַז צעגעסן,
צוויי ווינטערן האָט זי דורכגעטראָגן,
אין שניי און קעלט אַרומגעבראָדיעט —
ביז צו דעם הצלה־טאָג דערלעבט.

☆ ☆ ☆

דאָס מעסער

דאָס מעסער,
וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן
און געפּאָכעט מיר אַקעגן ציניש־קאַלט —
איז זיכער רויט געווען
אין טאָג פון מאָרד און גוואַלד.

ס׳האָבן פּענער איבער גאַסן געפלאַטערט
און די לעבעדיקע — צום לעבן גערופן,
נאָר זייַנע רוצחיש־בלאַנקע אויגן,
ווי פייַערן אין אָפּגרונטן אין טיפע,
האָבן מיך באַגלייט און ס׳האָט געבריט
דאָס איינציק וואָרט אַרויסגעצישעט:
זשיד!

גאָט מייַן! אל נקמות!
פאַרוואָס האָסטו, שטאָט נעבעכדיקן וואָרט,
נישט געגעבן מיר אָרעמס שטאַרקע
צו קענען שטעלן זיך אַקעגן?

שטאָט אַ ברום טאָן — אַ לייב אַ צערייצטער,
פאַלן אויף שׂונא און ווערן זיך, ווערן —
מייַן האַרץ איז אַ טויב
און מייַנע אויגן — אין טרערן.

✡ ✡ ✡

פאַרטיזאַנער

זיי זיינען געגאַנגען אויף וועגן, שאָסייען
דורך וויכער און וויוגע, רעגן און שנייען.

אין טאָג פון אומקום, זיי האָבן געטראָגן
דעם גליאיקן רוף: ״זיך ווערן און שלאָגן!״

געברענט האָבן געטאָס, אין האַרצן טיף
געברענט האָט אין זיי דער מוטיקער רוף.

האָבן געטראָגן זיך זייערע רופן
איבער דער פינצטערער אומקום־תקופה

און האָבן באַקרוינט מיט העלדן־געזאַנגען
ס׳פאַרפייַני[illegible]יז פאָלק אויף דורות לאַנגע.

געפאַלן זיינען זיי אין ביטערע שלאַכטן
אין זוניקע האַרבסט־טעג, ווינטער פאַרנאַכטן.

אויף פעלדער זיי זיינען ליגן געבליבן,
מיט אייגענעם בלוט אויף דער ערד דערשריבן

דאָס ליד פון מוט; אין גסיסה באַנומען —
דעם זין פון שלאַכט און פון דער נקמה.

✡ ✡ ✡

גיי ווייס

גיי ווייס, אַז מײַן שכן, אַ ייד אַ בן־שמונים,
וואָס טריטלט אַיעדן מאָרגן, נאָך פרישטיק,
דרײַ מײַלן לענגאויס דעם שאָסיי בײַם האָטעל,
איז גאָר אַ גיבור: ר׳האָט איבערגעקליגט
דעם ימח־שמו אַליין מיט זײַנע הענקער,
די ס.ס.־לייט און די בלוטדורשטיקע כאָכאָלן
פון זײַן היימשטאָט סטרי, אין מערב־אוקראַינע.

אַ מעלינע האָט דער ייד באַצײַטנס צוגעגרייט,
מיט גאַז און ליכט פאַרזאָרגט, מיט פּראָוויאַנטן,
אַ זון אַ לײַבלעכן אין לעצטער שעה אַהינגענומען
(ס׳ווייב מיט נאָך צוויי קינדער איז אַוועק צום טויט מיט אַלע).

טעג און וואָכן, גאַנצע ח״י חדשים
האָבן אָפּגעפּינצטערט אינעם קעלער
פינף און דרײַסיק יידישע נפשות —
מאַנסלײַט, פרויען, קליינע קינדער.
געטיילט דעם ביסן האָט מען זיך מיט אַלע,
אײַנגעשטילט די קינדער און געטרייסט זיי,
געציילט די טעג, געחלומט און געהאָפט
דעם וויסטן אומברענגער איבערצולעבן.

פאַרקריצט מיט גאָלד־אותיות, לעולם,
זאָלן די נעמען זײַן פון צוויי פּאָליאַקן־שכנים,
וואָס באַשירעמט האָבן די עדה יידן
און מיט שפּײַז און ברויט באַזאָרגט זיי.

✡ ✡ ✡

דער לעצטער ייד

מיט איינזאַם־שטילע טריט
איז ער אַהיימגעקומען,
געבלאָנקעט איבער גאַסן,
קיינעם נישט געפונען.

באַגעגנט האָט אים דאָרט
אַזאַ טויטע שטילעניש,
פון בייזע, פרעמדע הינט
אַ הויל געבילעניש.

הײַזער חרובע אַ פּאָר
מיט פענצטער־לעכער,
טיר און טויער פאַרשפּאַרט,
גרינער מאָך אויף דעכער.

געגאַנגען איז ער צוריק
טרויעריק ווי אַן אבל,
אַזוי געשפּאַנט האָבן יידן
על נהרות בבל.

אַלץ אין אים האָט געוויינט
מיט חרטה־טרערן,
הלמאי ער האָט פאַרלאָזט זײַן היים
אויף חרוב ווערן.

און פלוצעם איז מען אים,
דעם לעצטן ייד באַפּאַלן,
מיט פויסטן אים דערלאַנגט,
געטראָטן, ווען געפאַלן.

באַלד זײַנען זיי פון אים,
בלוט־זאַט, אָפּגעטראָטן,
געלאָזן אים אויף דער ערד,
אַ בלוטנדיקער שאָטן.

פון דער פײַכטער ערד
האָט ער זיך אויפגעהויבן,
צום וואָקזאַל צוריק אַוועק
קוים מיטן לעבן.

☆ ☆ ☆

טויבן

ס׳פלאַטערן טויבן, ליכטיקע, קלאָרע
איבער די חורבות, איבער די קברים.
זיי האָבן פאַרנעסטיקט זיך אין לעכער
פון צעפאַלענע ווענט, צעלאָמעטע דעכער
און קרײַזן אַרום אין בלויע הייכן
און וואָרקען אַ טרויעריק טויבן־איכה.

ס׳פליען די טויבן אין טשאַטעס פאַרבײַ
אין אַ פאַרשטילט וואָרקערײַ:
"ראַ־ראַ, ראַ־ראַ, ראַ־רו,
גאָרנישט געבליבן, קיינער נישטאָ,
קיין גאַסן, קיין הויז און היים,
בלויז קופּעס פון ציגל און ליים.
מיט ווערעם, אין שטויב און אין ווינט,
מיר נעסטן אין שרעק דאָ אַצינד."

☆ ☆ ☆

אַזוי איז אַ יוגנט פאַרגאַנגען

געוועזן איז אַ יוגנט, געבליט און געוואַקסן,
כ׳זע זי נאָך איצט, דורך אַלע נעפל־פאַרהוילן;
אַ יוגנט געברויזט האָט אין אָרעמע געסלעך,
אַ יונגוואַלד גערוישט האָט אין יידישן פוילן.

ווער קען דען פאַרגעסן דעם גלאַנץ פון די אויגן
מיט שיין פון חלומות פון מענטש דעם באַפרייטן;
עס האָבן די הערצער געצאַפּלט מיט בענקשאַפט,
ווי אָדלער געריסן זיך הויך אין די ווייטן.

ביז איצט גייט מיר נאָך דער כּישוף־ראָד — אַ האָראַ,
ווען ס׳פלעכטן זיך הענט אין עקסטאַזיקן וויג
און ס׳שטייגן לעבנס, געקניפּט אין קאַראַהאָדן,
העכער און העכער אויף שטאַפּלען פון זעליק גליק.

געוועזן זיינען ״שומרים״, אין הפקרען וואַנדער,
זיי פלעגן פאַרלאָזן אויף וואָכן די שטאָט;
פאַרברוינטע פון זון, אויף פוילישע וועגן,
מיט לידער פון ציון, מיט יונג־טראָציקן טראָט.

כ׳הער נאָך דעם פליסטער פון קאָמיוגישן קרייזל,
אין טונקעלן וועלדל אויף גראָזן זיי רוען;
און אָט איז דער היימישער יוגנט־בונד ״צוקונפט״
מיט געזאַנג פון אַלט־נייַער בונדישער שבועה.

ווער קען פאַרגעסן מיידלעך, וואָס האָבן באַצירט
ווי רויזן קאָליריקע איטעווידן קרייז,
די פאָרלעך, וואָס פלעגן אין פאַרקן שפּאַצירן,
פאַרליבטע געקושט זיך ביים שיין פון לבנה־ווייס.

אין שטעטלעך, ווו נויט האָט געוויינט פון די טירן,
זיי זייַנען געוועזן די יונגשאַפט, די פרייד,
נאָר ס׳פלעגן דאָרט מאַמעס נישט איינמאָל ספּאַזמירן,
ווען מיט בלוט האָט דער ברוק זיך געפאַרבט — אויף רויט.

ווען ס׳האָבן עלעקטרישע דראָטן געפיבערט
און יונגוואַרג מאַרשירט האָט אין גאַסן אין אַ ריי;
ס׳האָבן טאַטעס געשטומט אין די טונקעלע שטיבער,
ווען ס׳האָט זיך פון דרויסן דערטראָגן דאָס געשריי.

אין געסלעך ענגע, אין אָרעמע קוואַרטאַלן,
זיי האָבן געשפּאַנט דאָרט מיט דראַנג און מיט שטורעם;
מיט לערעס נייַע, ביכער גלייביק־געהיימע —
וועלטן צעשטערט און נייַע וועלטן געפורעמט.

אויף קרייַזן, אין קבוצות מע האָט דאָרט געלערנט
דעם זין פון זייַן, דעם סוד פון אייביקן גרייַזן;
און יעדער געזוכט האָט פאַרעקשנט דעם וועג —
ס׳אייגענע פאָלק, די גאַנצע וועלט אויסצולייזן.

און אַלע זיי האָבן געפלאַטערט מיט ליבשאַפט
צום לעצטן אויף ערדקויל געשלאָגענעם ברודער;
געטראָגן דאָס לעבן אויף אַלע עקדות —
אויף זאַמדן פון מדבר, אויף גאַסן מאַדרידער.

אין פוילישע תפיסות, פאַרשפּאַרט הינטער קראַטעס,
דעם אומעט פון פינצטערע צעלעס געטרונקען;
געשפּיגן מיט בלוט אויף אַזאַ וועלט אומגערעכטער
און שטיל אויסגעגאַנגען — פאַרלאָשענע פונקען.

זיי האָבן געטריקנט די זומפּן פון חולה
און איבער דער גרענעץ קיין מזרח געצויגן;
זיי פלעגן די שטעט און די גאַסן פאַרפולן
מיט פריידיקן אומרו, מיט בונטן רעגנבויגן.

☆ ☆ ☆

ביז ס'האָט געשלאָגן די שעה די פינצטער־האַרבע,
ווען ס'האָט זיי די וועלט פאַרלאָזט און פאַרראַטן;
ס'האָבן אומזיסט זיך געשטרעקט זייערע אָרעמס
אַריבער די געטאָ מויערן און קראַטעס.

זיי האָבן ביז שעהן ביז לעצטע געזונגען
דאָס ליד וועגן מאָרגנזון, דעם ווייַטן קאַיאָר,
ביז ס'האָבן די פלאַמען פאַרצוקט, איַינגעשלונגען
די מחנה די גאָרע, דעם קרעפּטיקן דור.

ביז ס'האָט דעם יונגוואַלד, אין מיטן פון בליען,
די האַק פון דעם שעכטער ביז וואָרצלען פאַרשניטן;
און שטיל איז געוואָרן אין יידישע שטעטלעך
פון פוילן און ליטע.

☆☆☆

די לעצטע נאַכט

כי עליך הרגנו כל היום,
נחשבנו כצאן טבחה.
תהילים מ״ד

נאַכט.
אַן עדה יידן פיבערט, וויגט זיך
ווי סטאַדעס שאָף, אויסגעמישטע און פאַרלוירענע,
אָן שוץ, אָן פאַסטוכער און היטער.
אויגן אויפגעפראַלטע, שטוינענדיקע
מאָנען, וויינען, בעטן
און פיס, אײַנגעבראָכענע,
שלעפּן זיך פאַרפלאָנטערטע
אין די מיסטעריעזע נעצן פונעם טויט.

בלויז ערגעץ, אין דער טיף פון דער נשמה,
טליעט נאָך אַ פלעמעלע אַ נישט פאַרלאָשנס
ווי אַ שטערן וואָס מיניעט אין אַן אָפּגרונט,
אַזוי ציטערט אין דער טיפעניש פון יעדן
דאָס צאַנקענדיקע פלעמל פון בטחון.

מנחם־מענדל, דער פּרוש און מקובל,
לויפט אַרויס פון רבינס שולהויף
און יאָגט זיך איבער געסלעך מיט פאַרמאַכטע אויגן.
די פּאָלעס פון כאַלאַטל — צוויי שוואַרצע פליגל —
פלאַטערן פוןביידע זײַטן, ער פּאַטשט
מיט די אויסגעדאַרטע הענט און שרײַט:
״געוואַלד, יידן, זײַט זיך נישט מיאש!״

קיינער הערט אים נישט. איבער געסלעך
שטײַגט די בהלה ווי אַ כמאַרע,
ווי אַ מגיפה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט הויז נאָך הויז.

יעדע שטוב איז וואַך מיט פאַרשטיקטע קולות,
מיט געכליפּ, מיט פיבערדיקע רייד.
מע פּאַקט די קלומיקעס און די וואַנדער־זעקלעך,
מע בינדט, מען קנוידערט איַין דאָס בעטגעוואַנט,
מען פאַרגראָבט אין דער ערד חפצים —
זאָל די ערד פאַרנעמען בעסער
אין אירע פייַכטע טיפן —
די שבת־לייַכטער, די מנורות,
פאַרבליבענע פון זיידעס אַ ירושה.

אויף פעק בעטגעוואַנט — קישנס, איבערבעטן,
וואַכן שלעפעריקע קינדער.
ס׳ווייסן אַלץ די אויסגעדאַרטע, בלייכע קינדער:
מאָרגן וועט מען צונעמען פון דאַנען
און אַוועקפירן אין אַ פינצטערלאַנד.
מע וועט שוין מער נישט קריכן
דורך די שטעכעדיקע געטאָ־דראָטן
צו די פעלדער ביַי דער וויַיסל
קאַרטאָפל ברענגען, בוריקעס און מייערן
פאַר די הונגעריקע הויזגעזינדן,
וואָס גלעטן, לאַשטשען מיט געטריַישאַפט
דעם אויסגעשמירטן שטאָלצן שפּיַיזער.

שוין איַינגעפּאַקט די זעק און פעקלעך,
לויפן טאַטעס, שוואַרצע ווי קברנים,
איבער געסלעך אום.
מע זאַמלט זיך אין קופּקעלעך אין די הייפלעך,
מע שאָקלט זיך, מע שאָטנט מיט די הענט,
מע בעטלט איינער ביי דעם אַנדערן
אַ טראָפן טרייסט, אַ גוט וואָרט.

✡ ✡ ✡

וואָס גרייטן זיי דאָ צו?
ווו לויפט מען, יידן, ווו?
מע זאָגט: אויף אַרבעט וועט מען שיקן,
מע זאָגט: נישטאָ פון דאָרט קיין צוריקקום...

בנימין קצב, וואָס פלעגט אויף יאַרידן
גויישע שיכורים קלעפּ דערלאַנגען,
דרייט זיך אַרום צווישן עולם
מיט אַן אָנגעשאַרפטער האַק אין גאַרטל.
"רבותי", רופט ער מיט אַ הייזעריקער שטימע,
כ'האָב אָנגעשאַרפט די האַק, אָט איז זי
(ער הייבט זי איבער קעפּ פון אַלע)
מייַן ווייַב און קינדער צו באַשיצן.
פאַרלוירן זייַנען מיר דאָך סייַ־ווי,
מע וועט צום טויט אונדז אַלע פירן
ווי איך — בהמות צו דער שחיטה.
נעמט, יידן, אייַזנס, העק און דרענגער,
שאַרפט אָן די שוסטער־מעסערס, שנייַדער־שערן
און ווען די רוצחים וועלן קומען מאָרגן
אַלעמען אַרויסצושיקן, אויסצומאָרדן —
זאָלט איר נישט שטיין ווי ליימענע גולמס,
נאָר מיט די אייַזנס, מיט די מעסערס
אין זייערע טרייפענע מאָרדעס דערלאַנגען!"
אַזוי האָט ער אַרויסגעצישעט —
און שטום געוואָרן איז אַרום די עדה.

☆ ☆ ☆

פאַרטאָג.
ס׳דרימלען טאַטעס, מאַמעס, קינדער
אויף די זעק און טאָרבעס.
טייל ליגן שעהן־לאַנג און וואַכן
אין באַהעלטענישן, פינצטער און אַליין,
מיט הערצער איינגעשרומפּענע, אין אַנגסטן,
און ציילן די סכּנותדיקע רגעס,
געבונדענע צו די עקדות.

און פּלוצעם...
ס׳ציטערט אויף די ערד
מיט מאָטאָר־גערויש פון אויטאָס,
ס׳קנאַלן ביקסן, די סירענעס וואָיען
און טראָגן אָן די שוואַרצע בשׂורה.

פון אַלע זייַטן שפּאַנט דער טויט,
רעשט און ליאַרעמט —
מיט דייַטשער קאָמאַנדע,
אוקראַאינישע זידל־ווערטער,
פאַרשייַטן שיכּורן געלעכטער.

...און מיט אַ קללה אויף די ליפּן
פאַלן יידן כּורעים פאַרן טויט.

☆ ☆ ☆

דאָס געוויין פון מײַן היים

עס ברענט איצט מײַן היימשטאָט, דורך די פלאַמען
דערגייט צו מיר ס׳געוויין פון מײַן מאַמע;
איך הער אין דעם רויש פונעם ווינט אין פעלד
דעם הילף־גערוף פון מײַן חרובער וועלט.

דער טאָג איז קיין טאָג נישט, די זון קיין זון,
אין בלוט איז געטונקען דעם שעבטערס פאָן,
ר׳האָט שוין די האַק אָנגעשאַרפט, זי געפּאָרט
מיט בלוט און מיט טויט, מיט שיכורן מאָרד.
אַ שׂרפה באַגלייט אים איבער דעבער
און שטײַגט ווי די רשעות העכער, העכער.

און איבער גאַסן זיי גייען, גייען
מיט געיאָמער, פאַרשטיקטע געשרייען,
מיט קינדער אויף הענט — הייליקע תורות,
אין נאַכט פאַרלאָשן, געשענדטע מנורות,
וואָס וועלן אויפלײַכטן אין דער געשיכטע,
באַוויינט פון פאָלק, באַזונגען פון דיכטער.

איצט שפּאַנען זיי דעם אומקום אַנטקעגן
דורך חרובע גאַסן, פינצטערע וועגן
פון אימה און שרעק, אין היימישער שטאָט,
פאַרלאָזן פון אַלע, פון מענטש און גאָט.
עס גייט דאָרט מײַן טאַטע, כ׳האָב אים דערקענט,
ער טראָגט ס׳מיזיניקל אויף זײַנע הענט.
ס׳כליפּעט דאָס שוועסטערל, כ׳הער איר געוויין,
דעם זין פון אַרום עס קען נישט פאַרשטיין.

ס׳גייט רואיק דער טאַטע אין דער עדה
מיט קינד אויף די הענט צו דער עקדה.
ס׳וואַרט טויט פאַרטייַעט אין רויטע באַנען,
אַיעדער דערפילט און נעמט אים אַנען,
ס׳רייַסט זיך פון העלדזער געוויין און יללה,
ס׳שטאַרבט אויף ליפּן פאַרשטשעמעט אַ קללה.

פאַרהילט איז דער געטאָ אין חשכות נאַכט,
דער הימל אין טרויער, שטילקייט נאָך שלאַכט,
ס׳שטאַרן די אָפענע טירן און פענצטער,
ס׳לויפן די לעצטע — שאָטנס־געשפענסטער.
ס׳לויפט מייַן צווייט שוועסטערל, ס׳צאַפּלט איר גוף,
וואָס ציט צום לעבן פון תהומען אַרויף,
די שוואַרצע צעפּלער צעלאָזן אין ווינט,
אין אויגן אימה, דערשראָקן און בלינד.
זי לויפט פון געטאָ אין שכנישן פעלד
און בעט אַ ר׳עטונג בייַ נאַכט און בייַ וועלט,
ביז ס׳קומען רוצחים מיט הערצער ווי שטיין,
פאַרשטומען מייַן שוועסטערלס לעצטן געוויין.

אַליין איז די מאַמע פאַרבליבן אין שטוב,
אַ שאָטן פאַרטייַעט אין קעלער־גרוב;
זי זוכט אירע קינדער, זי רופט און שרייַט,
ס׳ענטפער׳ט די פוסטקייט, די ליידיקע ווייַט.
נישטאָ שוין קיין היים, נישטאָ שוין קיין קינד,
וואָס זשע דאַרף לעבן אַ מאַמע אַצינד?
פאַרברעכט זי אירע הענט אין יאוש־קלעם
און גייט אין דרויסן — אויף קידוש־השם.

ניִשטאָ מיַין הײם, מיַין װעלט איז צעשטערט,
אַלײן געבליבן אױף גרױזאַמער ערד,
אַלײן מיט מיַין װײ, אַלײן מיט מיַין צער,
מיט זכר פֿון דור, מיט פֿינצטערן גזר.
גײ אױף מיַין װײ פֿון אַשיקע תּהומען,
װי לאַװע הײסע נעם שפּאַרן און שטראָמען.
טראָג זיך, מיַין צער, איבער דער װעלט,
טו ברומען און שריַיען, צאָרן און שעלט
דעם מערדער און העלפֿער אין גרױסן מאָרד,
װי ס׳בלוט פֿון נביא זאָל זידן מיַין װאָרט
און מאָנען אַ חשבון ביַי מענטש און ביַי גאָט —
פֿאַר לעבנס מיליאָנען, פֿאַר שאַנד און שפּאָט.

✡ ✡ ✡

אויפֿן וואָקזאַל

ס׳שטייט אַ וואָקזאַלעכל אַרומגערינגלט און באַוואַכט,
די רעלסן גלאַנצן — בלענדיקע חלפֿים;
אַ פֿראַכטצוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אָט דאָ,
וואַגאָנען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן־גופֿים.

ס׳ציען זיך לענגאויס דעם פּעראָן
וואַגאָנען רויטע אין אַ לאַנגער קייט;
אַיעדער וואַגאָן פֿול איז מיט געיאָמער,
מיט אומשולד און מיט ווײ און לייד.

אַרויסגעריסן האָט מע זיי פֿון היימען,
פֿאַרטריבן זיי פֿון אַלע פֿאָטערלענדער,
מיט ווײַבער, קינדער, קראַנקע זקנים —
געפֿירט אין איינעם צו דער פֿאַרלענדונג.

דורך פֿענצטערלעך מע זעט דעם הימלבלוי,
די סאָסנעס וויגן זיך, אין זון צעהעלט;
אַרום דער באַנליניע, ביים דראָטענעם פּאַרקאַן —
נײַגעריקע מענטשן זײַנען אויסגעשטעלט

און קוקן אויפֿן אומקומצוג, וואָס האָט
אויף זייער באַנסטאַציע זיך פֿאַרהאַלטן;
בײַ איינעם שײַנט אין אויג אַ טרער,
די שאָדנפֿרייד אַ צווייטער טוט באַהאַלטן.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט צערעוועט זיך,
דער באַנפֿירער צום אָפּפֿאָר האָט באַפֿוילן;
נאָר מיט אַ מאָל האָט צערעגנט זיך
אַ האָגל אַ צעצונדענער פֿון קוילן.

״דעם צוג פאַרהאַלטן !״ הערט זיך אַ גערוף,
״דעם וואָקזאַל־שטח — אַרומרינגלען!״
דורך אַ פאַרהוילן וואַגאָן פענצטערל
אַ יידיש ייִנגל איז געשפרונגען...

דער גרופן־פירער פון דער עס־עס
האָט מיט אַ הייזעריקן קול באַפוילן:
צען יידן פון וואַגאָן אים ברענגען,
אויפן אָרט וועט ער אַליין זיי קוילען.

צעסקריפּעט האָבן זיך טירן פון וואַגאָן,
געשליידערט האָט מען גלײַך פון דאָרט
כליפּענדיקע קינדער, טאַטעס, מאַמעס —
זיי אַלעמען געשלעפּט צום מאָרד.

אויסגעשטעלט זיי שטייען שוין אין רײַ,
די טירן פון וואַגאָן שוין צוגעשלאָסן;
פון ערשטן הערט מען באַלד ס׳געשריי,
דער צווייטער פאַלט, אין אייגן בלוט באַגאָסן.

געשטאַנען איז דער צוג נאָך אַלץ דערבײַ,
די קולות האָבן זיך אַהין דערטראָגן;
אַן אַלטער ייד האָט זיך אַ שטעל געגעבן,
אויפן קול גענומען קדיש זאָגן.

פאַרבראָכן האָבן מאַמעס זייערע הענט,
צעבליפּעט האָבן זיך די פּיצלעך קינדער;
אײַנגעשטילט האָט אַלעמען די סכנה,
מיט אַנגסטן זייערע הערצער אָנגעצונדן.

באַלד האָט דער צוג גערירט אין וועג,
געבליבן איז נאָך אים אַ שטומע קלאָג;
בלויז אויף אַ ביימל האָבן די פייגל
נאָך די קדושים אַ קדיש געזאָגט.

✡ ✡ ✡

ג. צו פרידלעכע ברעגן

האָפענונג

און ווידער פלעמלט פאַר מײַן אויג —
אַ שטראַל פון האָפענונג,
ווי אַ שטערן אין אַ בלינדער נאַכט
פאַר אַ ווײַטן גייער.

פאַרלעש נישט, גאָט, דאָס ליכט,
דאָס איינציקע, ציטעריקע ליכט,
אין דער לאַנגער, פרעמדער נאַכט,
פאַר אונדז —
פאַרוואָגלטע גייער.

✡ ✡ ✡

נאַכט־אַנטלויף

נאַכט. די שטאָט אין שווײַגנדיקער אימה,
גאַסן אײַנגעהילט אין רעגן־טונקל;
אַן אויטאָ... פאַרלאָשן די לאַמטערן,
שאָטנס שרעקן דאָרטן אין די ווינקלען.

עמעץ זעגנט זיך אויף גיך, אין־דער שטיל,
עמעץ כליפּעט, טוליעט אין דער פינצטער;
ווי צווײַגן אויסגעקרומטע שטרעקן זיך
שאָטנדיקע הענט ווי די געשפּענסטער.

ס׳טריפט דער רעגן אין דער טיפער חשכות,
דער מאָטאָר צערווישט זיך אײַנגעהאַלטן;
לעצטער אויגן־ציטער — פאַלנדיקע שטערן,
אַלץ פאַרשווימט אין שוואַרצער נאַכט באַהאַלטן.

אויפֿן אייפל־טורעם

אויף טרעפּ געדרייטע פֿון אייפל־טורעם
האָב איך געקלעטערט אין די הייכן,
צו זען די שטאָט פּאַריז, איר רחבֿותקייט,
ווי ווײַט מײַן אויג וועט נאָר גרייכן.

אָט איז פֿאַר מיר אַן אויסגעמײַסטערטע
די שטאָט — די שענסטע וועלט־לעגענדע;
אַ גרוס, פּאַריז, איך צי מײַן הוט פֿאַר דיר,
ביסט צויבערדיק, ווו כ׳זאָל זיך ווענדן.

עס טראָגט דער ווינט מיר אַזוי האַסטיק אָן
דערמאָנונגען פֿיל, אייגן־פֿרעמדע —
דאָ האָט, צום ערשטן מאָל, די פֿרײַהייטפֿאָן
זיך געטראָגן הויך איבער לענדער.

בלויז איין מאָל אין יאָרהונדערטער געשעט
אַ שטאָט זאָל אויפֿשטיין, זיך דערהייבן
און אויסרופֿן מיט פֿולער ברוסט: „אַלע
מענטשן־קינדער זײַנען גלײַך — צום לעבן!"

אָ ווען וועט נאָך אַ מאָל אַ פֿלאַטער טאָן
די פֿאָן פֿון גלײַכהייט, פֿון ברויט און ליכט?
ווען וועט אַ נײַע מאַרסיליעזע
זיך טראָגן ווידער ראַשיק־אומגעריכט?

ווען וועט אונדזער ערד באַפֿרײַען זיך
פֿון קין־מאָרד, פֿון האַס און נויט?
דו ענטפֿערסט נישט, פּאַריז, ס׳צינדן זיך
די קאַפּייען דײַנע שיכּור־רויט.

✡ ✡ ✡

על פרשת דרכים

כ׳שטיי אין דער נאַכטיקער שעה
אין מיטן אַ שיכורער שטאָט,
אין מיטן אַ וועלט וואָס גייט אונטער
אין בלוט,
אין זנות,
אין שגעון.

ווער ביסטו, וואָס טוסטו דאָ
אין דער נאַכטיקער שעה? —
פרעגט מיך דער ווינט,
אַ היימלאָזער הונט
און אַ זונה מיט ליפּן רויטע.
כ׳זוך מײַן פאַרלוירענע וועלט,
מײַנע גאַסן די טויטע.

יענע גאַסן זײַנען מער נישטאָ,
בלויז אַ געדעכעניש פאַרבליבן;
דאָ שפּרודלט רונד אַרום מיט לעבן,
פּאָרלעך קושן זיך אין יעדן ווינקל,
ווי שלאַנגען וויקלען זיך, פילקאָליריק,
די נעאָן־ליכטער דורכן אָוונט־טונקל.

די אויטאָס שווימען איבער גלאַטיקע אַספאַלטן,
צעלויכטן רופן די צעזונגענע קאַפייען —
זאָלסט אַרײַנגיין און זיך פרייען.
און דאַמעס שלײַכן דורך אין שוואַרצע פוטערס,
אין פּעלערינעס שפּאַנען היטערס
פון דער פוילנדיקער רעפּובליק.
אויף קאַלטע שטיינער ליגן קלאָשאַרן
אונטער דער בריק.

און איך בלאָנקע אין דער פרעמדער שטאָט
מיט שאָטנס פונעם נעכטן
און זוך אַ רמז, אַ באַשייד,
וואָס זאָל אויפלויכטן פאַר מיר
און ווייַזן מיר דעם וועג, על פרשת דרכים.

✡ ✡ ✡

דורך וואָלקנס

דורך וואָלקנס ווי שנייאיקע בערג,
מיט ווייַסע, פוכיקע קערק,
טראָגט מיך דער אַוויאָן אין רוימען
צו ברעגן, נייַע היימען.

אפשר פאַראַן איז אינעם וועלטאַל
אַ ווינקל ווו ס׳איז נישט חל
די רשעות; ווו ס׳שייַנט און ס׳בליט
פאַר יעדן איינעם — קריסט און ייִד.

✡ ✡ ✡

פליטים

ס׳ציטערט אין בריוולעך מיט אותיות פאַרפלעקטע,
ווי שמות אַלטע, צעקנייטשטע, פאַרמעקטע,
דער אומרו, וואָס ברענט אין די הערצער ווי סם.
און ס׳פליען די בריוולעך אַריבער דעם ים, —

בלעטער פאַרוויאַנעטע אין האַרבסטיקן פלי.
און יעדער בלאַט איז אַ מאָנונג, אַ בעטונג
צו קרובים פאַרפרעמדטע, נאָך היים און רעטונג,
נאָך רו, נאָך רו...

פאַר ווען מיר לויפן, וווּהין מיר לויפן,
מיר קענען אַצינד נישט ענטפערן, זאָגן;
מיר זייַנען אבלים פון חרובע הויפן
און קענען בלויז טרויערן און קלאָגן.

מיר בלאָנקען פאַרלוירן אויף שטיגן און שטאָקן
און צאַפּלען מיט הענט ווי מבולבלע, שטומע;
און בעטן רחמנות מיט אויגן צעשראָקן —
מיר קינדער פון ווילדער מהומה.

אויף פרעמדע געלעגערס, די קעלט — אַ שאַרפע,
שניידט ווי אַ מעסער דעם חלל פון שטיבער,
וויינט אויס אונדזער האַרץ — אַ צעבראָכענע האַרפע —
אַן עלנטן קדיש אויף פאַרלאָזענע גריבער.

מיר ווילן אין חלום אַנטרינען, זיך רעטן,
אַנטלויפן ווו־ערגעץ פון גורל און וואָר,
קומט נישט קיין חלום און צו ווען צו בעטן
אין שלאָפלאָזע נעכט איז אויכעט נישטאָ.

אַוועק אין פלאַמען גאַנצענע דורות
און מיר — אין וואַנדער, אויף קרייַץ פון וועגן,
ווו איז דער גאַנג? מיר מוזן באַשיידן,
וווּהין און ווען דאָ גיין אַנטקעגן.

✡ ✡ ✡

וווהין?

אויף מזרח מיר שפּאַנען אין וואָגל און וואַנדער,
באַגלייט מיט געוואָי, באַגלייט מיט יללות;
ס'פלאַקערט דער ווייטיק אין ווינט זיך פונאַנדער
און ס'פּיַיניקט די שיַין פון פאַרברענטע אַמאָלן.

אויף מערב מיר ציען — צעפלאָשעטע פייגל,
פאַרברענט איז דער וואַלד, צעשטערטע די נעסטן;
דעם שווייס און עיפּוש מיר אָטעמען איַין
אין לאַגערס פאַרשטיקטע, אין באַנען פאַרפּרעסטע.

מיר לויפן אויף צפון, מיר יאָגן אויף דרום,
דורך שטעט און לענדער, אויף שטייניקע וועגן;
די וועלט איז אַ ים צעוויגט אין שטורעם
און ווו איז אַ רעטונג? ווו זיַינען ברעגן?

ס'יאָגט דער פיַינט און דער אייגענער שאָטן,
ס'יאָגט דער אומרו, דער פּחד אין האַרצן;
אָ ווו איז אַ היים, אָ ווו — אַ באָדן
אויפסניַי זיך פאַרנעסטן און פאַרוואָרצלען?

☆ ☆ ☆

וויַיסע בריוו

ס'מוז קומען דאָך אַ שעה פון פרייד,
ווען ווי אַ טויב אין שטילן פלי,
וועט אָנקומען אַ וויַיסער בריוו
און אָנזאָגן: "דו ביסט געטרייסט!"

וויַיסע בריוו, אין וואַנדער־וואָגל
כ'וואַרט אויף איַיך, איר זאָלט אָנזאָגן
אַ גוטע בשׂורה, איר זאָלט דערפרייען,
מיט האָפענונג מיך באַניַיען.

מייַן טרוים

אַזוי פיל שטעט שוין אויסגעמאָסטן,
אַזוי פיל שפּראַכן שוין פאַרנומען —
און ווידער וואָגל, ווידער פרעמדער
אומעטום ווו אָנגעקומען.

אייגן בלויז איז מיר אַ חלום:
אַ הויז, אַ גערטנדל ווו ס׳בליען
ביימלעך צוויי, אין זייער שאָטן
אין פאַרנאַכטן וועל איך רוען.

קליין, באַשיידן איז מייַן חלום,
ווייַט אַזוי אים צו דערגרייכן;
אַ היים אַן אייגענע און זון
פון די קלאָרע הימל־הייכן.

☆ ☆ ☆

אונדזער קינד

מיר טראָגן אויף אַלע פאַרוואָגלטע וועגן
מיט ציטעריקע הענט אונדזער לעצט פאַרמעגן;
אויף פרעמדע געלעגערס, אין נאַכט און אין ווינט —
מיר טוליען און שיצן פון קעלט אונדזער קינד.

דאָס קינד האָט דעם אומרו מיט מילך געזויגן,
אין די פרעגנדיק־קלוגע, קינדערשע אויגן
דער טרויער פון דורות טיף ליגט באַהאַלטן,
ס׳לויכט אויך אין זיי מיט ליכט מיט אוראַלטן.

די ליפּעלעך שמייכלען ווי שטראַלן צעשפּילטע,
ס׳וואַרעמט איר אָטעם, ס׳טרייסט איר געוויין;
מיר בלאָנקען אין שרעק אויף וועלפישע שליאַכן
און זוכן אַ וויגל פאַר איר און אַ היים.

וואָגלליד

כ'האָב שוין פיל געזען, אויף מײַן הויט פֿאַרזוכט,
זיך געבראָדערט מיט נויט און געפֿאַרן;
עס קען קיין זאַך דערפֿרייען מער מײַן האַרץ,
קיין פּורענות קען מיך שוין נישט אַרן.

אָט טראָג איך זיך איבער ים צו אַ ברעג,
צוריק קען עס מיך אַ שלײַדער געבן;
ווײַזט אויס אַזוי באַשערט שוין מײַנע טעג,
אַזוי דער גורל פֿון מײַן לעבן.

אָ האַרץ מײַן, שטאַרק זײַ, שטאַרק און אָנגעברייט,
אויף אַלץ דאָ קען מען זיך נאָך ריכטן;
נאָר ווייס: דײַן פּײַן איז טויזנטיעריק
און יאָרטויזנטער וועלן זײַן די ריכטער.

וויג אײַן, גרויסער ים, מײַן שווער געמיט,
קיל אָפּ דעם ווײ פֿון מײַנע וווּנדן,
און טרייסט מיך, שטילע ווערטער פֿון מײַן ליד,
אויף וועגן נע־ונדע פֿון מײַן וואַנדער.

☆ ☆ ☆

ס׳וועט קומען

ס׳וועט קומען נאָך אַ טאָג פון פרייד,
ס׳וועט דײַן האַרץ־אומרו זיך אײַנשטילן;
וויסן וועסטו ווו סע פירן דײַנע טריט,
אַ נײַעם כּוח וועסט דערפילן.

ס׳וועט קומען נאָך אַ טאָג פון ליכט,
ווען די טרערן וועלן ווערן — טוי;
ס׳וועט די זון דיך היילן, שטאַרקן
ווי אַן אייגענע, געטרײַע פרוי.

ס׳וועט קומען אָט דער טאָג, גלייב אין אים
און טראָג זײַן שײַן אויף אַלע וועגן;
ס׳וועט קומען נאָך אַ טאָג אַזאַ צו גיין
מיט זון און פרייד דיר אַקעגן.

☆ ☆ ☆

דאָ

קומען וועלן מײַנע טריט ביז אַן אָרט,
כ׳וועל בלײַבן שטיין און זאָגן שטיל דאָס וואָרט:
דאָ!
דאָ איז געקומען דײַן שיף צו אַ פּאָרט,
דאָ איז דײַן איינציקער ערדישער ברעג;
נעם אַנקער זיך אײַן אין נײַעם אָרט
און שלאָג דיר אַדורך צום לעבן אַ וועג.

גורט אָן דײַנע הענט מיט כּוח און גבורה,
בוי אויף דײַן וועלט פון גרונט, פון דאָס נײַ;
דאָ וועט דײַן היים זײַן, דאָ וועט צו קבורה
קומען דײַן גוף — און בלײַבן זיך טרײַ.

צו פרידלעכע ברעגן

מאַכטיקער ים, אומענדלעכע טיפן,
ברויזיקע כוואַליעס צעוויגט אין שטורעם,
פילט איר מײַן עלנט? הערט איר מײַן רופן?
פאַרנעמט איר ס'שטומע געשריי פון מײַן צאָרן?

כ'טראָג זיך אויף אײַך — אַ וואָגלער אַ מידער,
ווײַט איז דער ברעג און איך ווייס נישט אַליין,
וועט זײַן אַן ענד צו מײַן וואָגל־וואַנדער?
אַ טרייסט צי וועט נאָך פאַר מיר ערגעץ זײַן?

כ'גיב איבער זיך, כוואַליעס, אין אײַער שויס,
ס'איז האָפענונג מײַן איינציק פאַרמעגן;
טראָגט מיך אַריבער, דורך ים און שטורעם,
צום נײַעם אָרט, צו פרידלעכע ברעגן.

☆ ☆ ☆

אָט בין איך דאָ

אָט בין איך פאַר אײַך דאָ —
אַ נײַער וואָרט־פּאַיאַץ,
מיט שמות אין די הענט,
מיט רויטער רויז אין לאַץ.

כ׳האָב דורך ווײַטע וועגן
לאַנג צו אײַך געשפּאַנט —
צו ברענגען אײַך אַ גרוס
פונעם חורבן־לאַנד.

איצט שטיי איך כּעני
דאָ פאַר אײַער טיר
און בעט אײַך, ברידער מײַנע,
פאַרהאַקט זי נישט פאַר מיר.

און בלויז פאַר צוויי גראָשן,
בלויז פאַר גראָשנס דרײַ
אויפזינגען וועל איך אײַך
דאָס טרויערליד פון וויי:

"כ׳האָב געהאַט אַ טאַטן,
אַ מאַמע אויך געהאַט,
שוועסטערלעך ווי זונען,
אַ ברודערל אַ כוואַט.

ס׳האָבן זיי די דײַטשן
פאַרפּײַניקט און פאַרגאַזט;
אַלע יידן דאָרטן
האָבן זיי פאַראַשט.

בלויז איך בין פאַרבליבן
איינער און אַליין;
און פלעבט אין שפּעטער נאַכט
אַ גראַמענדיק געוויין

און ברענג עס צו טראָגן
פאַרשעמט פאַר אײַער טיר;
יידן בני רחמנים,
פאַרהאַקט זי נישט פאַר מיר".

☆☆☆

געבענטשט לאַנד

לאַנד געבענטשט פון גאָט און מענטשן,
רחבותדיק, געמיטלעך שפיגלען זיך
דײַנע אָזערעס אינעם הימלבלוי.
די וועלדער דײַנע, טיף־געדיכטע,
זײַנען קיניגרײַכן פון בעל־חי,
באַטראָטענע נאָר פון דרײַסטע,
פאַרליבטע אין דײַן רחבות־פּראַכט.

ביסט אַ היים געוואָרן פאַר פעלקער,
וואָס געניסן פון דײַן רײַכטום, שעפן
פון דײַנע אוצרות אָן אַ שיעור.
כ׳האָב מײַן נחלה אין דיר געפונען,
אַן הצלה־ראָד ביסטו מיר.

✡ ✡ ✡

אין אָנטעריאָ־פּלייס

דער עולם טויזנט־קעפּיקער אין פאָרום
אין וואַרעמער אָוואַציע פאַרן יונגן דיריגענט
און דעם סימפאָנישן אָרקעסטער
אין אָנטעריאָ־פּלייס, טאָראָנטאָ.

דער ווינט פון דער אָזערע
איז קיל און מילד,
די זומערנאַכט וויברירט מיט קלאַנגען
פון טשײַקאָווסקי און בעטהאָווען.

ס׳איז אַן אָנזאָג נאָר
פון דעם יום־שכולו־שבת,
וואָס איז אָנגעברייט פון הייכן, —
ווער ווייס, צי מיר וועלן אים דערגרייכן?

פרעמדע גאַסן

דער אומרו טרייַבט מיך פון דער שטוב אַרויס
אין פרעמדע גאַסן, גאַס איין, גאַס אויס.
ס׳שווימען אויטאָס איבער גלאַטע ברוקן,
ס׳פליען באַנען איבער שטאָלן־בריקן.
דער סען־לאָרען פליסט דאָרט מאַיעסטעטיש,
געבייַען שפיגלען זיך אין אים גרויסשטעטיש.

אַן אָפן בוך איז דאָך גאָטס גרויסע וועלט,
קוואַרטאַלן, גאַסן — שורות אויסגעשטעלט,
אותיות — הייַזער פול מיט גערודער,
אַיעדער איז אי פרעמדער, אי אַ ברודער.

☆☆☆

מוסקאָקער פרימאָרגן

קעלט האָט געשניטן די נאַכט אָן רחמנות,
ווענט דורכגעדרונגען, די ביינער געעגבערט,
מיט פייַכטקייט געווייט און געהויערט
אין מייַן געמיט.

כ׳האָב זיך אַרויסגעריסן פון געלעגער,
פון דער פראָסטיק־פּאַפּירענער קאַבינע —
צו אַ וועלט אַן אויפגייענדע
אין וואַרעמקייט, אין ליכט.

די זון האָט מיט איר וווּנדער־פּענדזל
אַ שמיר געטאָן אויף דעם לייַוונט פון די פעלדער,
אַ גרין געטאָן האָבןביימער־שפּיצן,
די ערד האָט אויפגעאָטעמט פרישן טוי.

און פייגל האָבן זיך צעצוויטשערט, אויסגעזונגען
אַ זוניק־מונטערן ״גוט־מאָרגן״.

אין די לאָרענשנס

אויף צווייַגן שפּילט אויס דער ווינט זייַן ניגון,
אויףביימער העלפן די פייגל אים צו;
גאָטס ליכט האָט גענידערט פון הימלען
אויף בערג און טאָלן פון רו.

ווי ווייַט ס׳קענען די אויגן גרייַכן,
בלאָנדזשעט דייַן בליק איבער בערג און טאָלן —
וועלדער פאַרקניפּט מיט צווייַגן־גאַרטלען,
גראָזיקע, אינדזלען אין גאָלד געמאָלן.

און דאָרט, אויף ראַנד פון בערג אַרומיק,
נידערט דער הימל אויף שפּיצן־ביימער;
אויסגעוועלבט טיף, אין בלויע אין־סופן,
הענגט ער ליכטיק — אַן אייביקער טרוימער.

און בערג איבער בערג, אָנגעטורעמט,
ווי וואַלן בייַ שלעסער פאַרלאָזן־אַלטע,
מיט שטעגלעך קרומע ווי דינע שטראָמען,
וואָס ליגן אין גראָז געדיכטן באַהאַלטן.

פאַרקלאַמערט אין רינג פון בערג און ביימער
רוט זאָרגלאָז אַן אָזערע, זי שפּילט זיך
מיט זילבער־כוואַליעלעך, רוישיק־פרייַע,
ביז זי ווערט איינגעמידט און פאַרהילט זיך

אין העל־זוניקע, וואַרעמע שטראַלן.
זי זייגט אָן דורך וועגן געהיימע
די טרוקענע וואָרצלען פון געוויקסן,
די קרוינען פאַרברוינטע פון די ביימער.

מיט אירע וואַסערן זעטיקט די ערד זיך
ביז זי בליט אויף מיט קאָלירן בונטע,
מיט מחנות געוויקסן, וואָס געדייַען
אַרויס פון אירע ערדישע גרונטן.

אויף איר וואַסערפלאַך שווימען אַרום דאָרט,
מיט לייַבער פּאַרברווינט, מיט זון אין אויגן,
פּאָרלעך ווי שוואַנען אין שיפלעך שמאָלע,
מיט ווייַסע זעגלען אין הויך פּאַרצויגן.

און פול איז דאָ אַלץ מיט רויש, מיט שירה —
ס׳פּרעפּלט ס׳וואַסער און שלאָגט אָן ברעגן,
ס׳מורמלען די דינע בלעטער אויף צווייַגן,
ס׳שפּילן ווינטן אין רויש אויף וועגן.

ס׳זינגען נעסטן אויף ביימער־שפּיצן
מיט פייגל־טריל, עס זשומען בינען,
ס׳פלאַטערן פליגעלעך, ס׳ציטערן גראָזן
מיט ברואימלעך פון גרויען באַגינען.

אפילו פעלדזן, נאַקעטע, שטומע
צווישן באַרגיקע סטעזשקעס און וועגן
זינגען שווייַגנדיק אויס אַ געזאַנג
פון זומער־פרייד, אין זון און רעגן.

☆ ☆ ☆

קאַנאַדע

דאָס איז די שטאָט, דאָס לאַנד,
דער ברעג, איינציקער באָרטן,
די היים, נאָך יאָרן וואַנדער
אין דאָיקייטן, דאָרטנס.

דאָס איז דאָס לאַנד פון פרידן,
לאַנד פון רחבות און לעבן;
מולטי־קולטורן דייַן גענאָד
דערמאָנען און לויבן.

☆ ☆ ☆

היים

כ׳וועל קושן דעם שטויב פון דייַן ערד
און גיין מיט אָפענע וויעס
אַקעגן זון־אויפגאַנגען דייַנע און שקיעות —
היים מייַן באַשערטע,
באָרטן פון שיפברוכן אַלע,
ערד־טרייסלען גרוויליק־פאַטאַלע.

כ׳וועל פרייען זיך מיט יעדן טאָג —
אַ געשאַנק פון גאָט אין שעהן פון חסד;
מיט היים און גאַס,
יום־טוב און וואָך באַנייַטער,
מיט יאָרן פון פייַן און געלייַטער.

☆ ☆ ☆

לאַ בעל קוועבעק

גרינע קלויסטערשפּיצן אין דער זונשייַן,
דענקמעלער פון מענטשן גרויס אין טאַט;
ס׳ליגן שמאָלע אַלטשטאָט געסלעך —
פון געשיכטע־בוך אַ מוטיק בלאַט

פון אַ פאָלק אַ העלדישן, וואָס האָט
בייַם סען־לאָרען זיך באַזעצט, געבויט,
טרייַ געבליבן זיך אַליין, זייַן לשון
דורך יאָרהונדערטער פון מי און נויט.

אויף דער זון־באַגילדטער פּראָמענאַדע,
פּאַזע דעם סען־לאָרען ברעג, —
גרוס איך דיך, אַלט־נייַע שטאָט:
לאַ בעל קאַנאַדאַ, לאַ בעל קוועבעק!

✡ ✡ ✡

טאָראָנטאָ

טאָראָנטאָ —
גרויסדאָרף, מעטראָפּאָליע,
נאָענט און אייגן ביסטו מיר געוואָרן
מיט דייַנע מויערן, ראַשיקע און שטילע גאַסן,
פּלעצער פרייַע און אַלייען,
לאַנגע ווינטערן און זון־צעשייַנטע האַרבסטן.

טאָראָנטאָ —
זינט איך האָב דייַן ברוק באַטראָטן
אויסגעוואַקסן ביסטו ווי אַ זון אַ יונגער,
הויך און שטאַלטנע, ברייט און זוניק.
די אַרטעריעס דייַנע —
אונטערבאַנען, גאַסן און בולוואַרן
שלאָגן און פּולסירן מיט מחנות פּילקאָליריקע.
מולטי־שפּראַכיק און געדולדיק ביסטו
אַלע אויפצונעמען און אַ היים צו ווערן.

ד. חלום און ליד

יידיש

אין אָנדענק פון האַרי מ. טאָפּער

יידיש, קרוינשפּראַך פון מײַן לעבן,
לופט און לשון פון מײַן אָטעם,
וואָס מער איך טובל זיך אין דײַנע קוואַלן,
אַלץ ריינער ווער איך און נשמהדיקער,
ווי די שאָטנס מײַנע נאָענטע, הייליקע
אין טרעבלינקער פלאַמפײַער פאַרצוקט.
זייער שמייכל איז אין דיר, זייערע זיפצן,
זייערע טרוימען אָפּגענאַרטע, זייערע טרערן
שײַנען ווען אייביק ווי די שטערן
אויף דײַן לויטער־כמאַרנעם הימל, יידיש.
הימליש דײַן געזאַנג, ווי אין די ספערעס
די סימפאָניע פון באַשאַף און לעבן —
אַ געשאַנק נאָר איין מאָל דיר געגעבן.
כ'האָב צו דיר פאַרקנסט עס, נישט צו שיידן,
ס'זאָל מײַן האַרץ אַ היים זײַן פאַר דײַן עלנט,
דײַן טרויער און שיינקייט — אין מײַנע אינגעווײדן.

✡ ✡ ✡

וואָס האָב איך נאָך?

וואָס האָב איך נאָך חוץ מײַן יידיש־אוצר —
ווערטער מאַמישע פון פײַן און לײַדן?
כ'טראָג זיי — אַ קמיע אַ הייליקע,
וואָס מ'קען מיט איר זיך נישט צעשיידן.

עס יערן יידיש־ווערטער, קלאַנגען
אין מײַן אינגעווייד ווי אַלטער ווײַן;
ס'איז דאָס לשון דאָס פאַריתומטע
מײַן שטילע טרייסט אַצינד, מײַן שײַן.

אַ דור

די ערד וועט געדולדיק־שטיל פאַרנעמען
די לעבנס אַלע, פאַרמעקטע נעמען
פון עלנט־פאַריתומטען דור.
ווי שוים וועט פאַרשווימען די וואָר,
אָנשטרענג און ליבשאַפט, שׂנאה־געקריג
אין אייביקן קאָן, פון דער וואַרעמער וויג
ביז די פיר איילן, פינצטער און פייַכט.
בלויז ווי אַ שטערן אין נאַכט־געלייַכט
וועט צינדן זיך אין ווייַטן שפּעטער
דערמאָנונג איבער פאַרגעלטע בלעטער.
און אפשר אַ טרער אין אויגן וועט בלענדן —
איבער די זינגער פאַרשטומטע אויף שטענדיק.

✡ ✡ ✡

אומזיסט

אין גרויען שאַפּ, ביזן אָוונט,
באַגלייטן זיי מיך אין געזשום;
כ'טרייַב פון זיך, די לידער מייַנע,
דער נאָדלשטאָך וועט נאָך אַראָפּ אויף קרום...

און אין הויז — העפטן, פּאַפּירן
מיט שוואַרצפּינטלדיק געשריפטס;
ס'איז אין זיי דאָרט פאַרבאָרגן
מייַן שטילע פרייד, טיפער זיפץ.

כ'וועל צערייסן מייַנע לידער
ווי אַן אבל רייַסט זיין קלייד,
כ'וועל זיי פון זיך פאַרוואַרפן
ווי אַ געבונדענער — זייַן קייט.

נאָר אומזיסט מייַן מאָנען בעטן,
אומזיסט איז מיין ביטערקריג,
ס'וויל דאָס וואָרט נישט אָפּטרעטן, —
ס'האָט דאָס וואָרט מיך באַזיגט.

מייַן אָדיסייע

בייַ די פיס פון חכמים בין איך
געזעסן ווי בייַ אַ ברונעם,
זייער וואָרט ווי קוואַלוואַסער
גיריק אין זיך פאַרנומען.

און ביכער האָב איך געשלונגען
ביז האַלבנאַכט, אין פאַרטאָגן;
פונקען פון גלויבן און ליכט
כ'האָב פון זיי אויסגעשלאָגן.

די צייַט איז געלאָפן, יאָרן
אין זומער מיט ווינטער געוועקסל;
פון מענטש־און־ייִד עול
געבויגן איז געוואָרן מייַן אַקסל.

כ'גיי צוריק ווי אָדיסיי
פון ווייַטע כישוף־מקומות —
איבער אינדזלען און ימים,
לענדער און חלומות.

כ'ברענג מיט, אייַנגעזאַמלט,
ליכט און ליבשאַפט אוצרות —
נבואה פון ישעיה און עמוס,
שטראָפרייד פון ישוע הנוצרי.

העקסאַמעטרען פון האָמער,
איובס געשלאָגן געשריי,
די רייד פון חכם קאָנפוציוס,
בודאַס שמייכל און וויי.

מיט דעם קום איך צוריק
אין דער שעה דער שפּעטער —
צו דער גרויקעפּיקער עדה
פון יידישע פּאָעטן.

✡ ✡ ✡

ס׳דאַכט מיר

אונטערן שאָטן פון בוים דעם צעצווייַגטן
ליג איך און רו צוקאָפּנס זייַן שטאַם.
הימל־געוועלבן בלויען דאָרט אויבן,
ימים מיט ליכט, קלאָרע אין־סופן.
ס׳וואַנדערן אויגן און דער געדאַנק
אין העלע ווייַטן, גן־עדנס פון ליכט
און קומען צוריק צו דער ערד דער גוטער,
מיט זאַנפטקייט פון גראָזן און מאָך.

פּאָרויס — דער אָפענער פלאַך פון דער אָזערע,
דעם הימל אַקעגן, אין רחבות געשפּרייט;
זילבערנע וועלן וויגן זיך מילד
אין בליאיקער ראַם פון וועלדער צעגרינטע,
פּליעסקען די כוואַליעס שטיל, אָן אויפהער,
פּרעפּלען איינטאָניק אָן אייביק געזאַנג.

לענגאויס דעם ברעג זיצן היימישע יידן,
זוניקן לייַבער, לעבנס פּאַרקוואַרטע
פון פּראַצע און עלטער, צער גידול־בנים.
וויקלט אַ שמועס זיך, אַ גערייד אַ געמיטלעכס
מיט שאַרפזין געווירצט — אַ ווערטל, אַ מעשׂה,
און זייער לשון, פון וואָלין, פון וואַרשע
איז אַזוי תוכיק, אייגן און נאָענט.
דער קלאַנג פון דעם לשון פאַרשיכּורט, צענעמט מיך,
דער ריטעם פאַרוויגט האַרץ און געמיט,
ביז טראָפּנס טרערן אין אויגן שייַנען,
מיט ווייַן פון דערמאָנונג ס׳האַרץ ווערט פול.

און ס׳דאַכט מיר: ס׳זײַנען די יידישע ווערטער
איינס מיט די כוואַליעס, מיט בלויע ספערן.
און ס׳דאַכט: ווי די זון, מײַן שפּראַך איז
און שלאָגט מיט שײַן דורך וואָלקנס דורך.
און ס׳דאַכט: ווי דער וואַסערפלאַך איז מײַן לשון —
טיף און געדולדיק, אין שטראָם באַנײַט.

און ס׳דאַכט מיר: פון מײַן שטיינערנעם לעבן
אויסשלאָגן כ׳וועל אַ סטראָפע, אַ שורה,
וואָס וועט בלײַבן — אַ שטערן געצונדן
אין פירמאַמענט פון יידיש־לשון.

☆ ☆ ☆

ס׳איז מיר באַשערט

אין טונקלעניש פון שקיעה
איידלט דאָס יידישע ליד;
מיט די האַרציקע טענער
קוויקט זיך מײַן געמיט.

ס׳איז מיר באַשערט צו זײַן
צווישן אירע טרײַע קנעכט,
וואָס אין פלאַם פון די ווערטער
וואַרפן די טעג און נעכט.

בלאָנדזשען איבער די שליאַכן
מיט יידיש־לידער בײַם זײַט
און חלומען חלומות —
פון אויפגאַנג און פון פרייד.

☆ ☆ ☆

צו די זינגער

ברעכט אויף, ברידער, פון יאוש די טירן,
וואָס איז דען פאַרבליבן אונדז צו פאַרלירן
חוץ שפּינוועבס־טרויער, ספקן שוואַרצע,
וואָס זויגן ס׳בלוט און דעם חלום פון האַרצן.

רײַסט אויף די עצבות, אין פרייד ווערט נתגלה,
ווי ריטשקעלעך דינע וואָס פורעמען קוואַלן,
ווי קוואַלן וואָס ווערן אייניק אין שטראָמען
און ברעכן אין שוימיקן גאַנג אַלע צאַמען.

וואָס איז דען ס׳לעבן אויב נישט אַן אָרקעסטער
און מיר אַלע — ברידער און שוועסטער,
מיט אייגענעם קלאַנג איבער סטרונע־געוועבן,
שפּילן ס׳געזאַנג פון פאַרגייענדן לעבן.

איז דאָס לעבן אַ גאַנג בלויז אין־סופיק,
לאָמיר קלעטערן ווײַט, באַרג־אַרויפיק;
לאָמיר זיך אַלע אין איינעם פאַררינגען —
אַקעגן דעם ברויזיקן ווינט זיך צעזינגען.

✡ ✡ ✡

צום קוואַל

פאַרגייען זיי איינציקווייַז, שטיל,
איינזאַם, אין עלנט גרויער,
באַגלייט זיי דער טרייַער אומעט,
דער איידעלער, טונקעלער טרויער.

איינגעשטילט ווערט זייער ניגון,
ס׳קול פון לעצטע כּלי־זמרים;
פאַרשאָטנטע בלייַבן אין ווינקלען
ווי מצבות — זייערע ספרים.

ווען ווען אַ וואַנדערער קומען
פון טומל־געמאַרקן אַ מידער
און צופאַלן ווי צו אַ היילונג
צום קילן קוואַל פון די לידער?

וועט אַמאָל וואַכן אַ יונגלינג
מיט גלייביקע אויגן, מיט אייפער
און אויסזינגען אין בענקשאַפט
דעם ניגון פון יידיש־ספר?

☆ ☆ ☆

וואָס איז דיכטונג?

קלאָר
ווי דער טאָג, געלײַטזועליקט
מיט זון און רעגן;
דורכזיכטיק
ווי דער פלאַך פון אַן אָזערע
אין אַ לבנהקער נאַכט;
שיין און אומשולדיק ווי אַ קינד
מיט סאַפּיר־אויגן.
טיף און ווייפול
ווי ס׳געבראָכענע האַרץ
אין צער און אין טרערן;

ערלעך ווי דער פרישער לאַבן ברויט
אויפן טיש פון אַ יגיע־כפּים;
מוטיק, אומשרעקיק
ווי דער גייער אויפן עשאַפּאָט;
ריין און קרישטאָליק
ווי אַ מאַמעס טרערן
אויף דער שטאָלץ פון איר טראַכט,
וואָס זײַן שמייכל
איז פאַרגליווערט געוואָרן —

דאָס איז דיכטונג:
לידער וואָס קוואַלן מיט אמת פון לעבן,
לידער געבונדן מיט לײַב און לעבן —
צו מענטש און צו לעבן.

☆ ☆ ☆

יידיש לשון

און ווּ איך גיי גייט מיט מיר
ס׳פּאַריתומטע קול פון די וואָס נישטאָ שוין —
דאָס יידישע לשון.

כ׳האָב עס מיט מילך פון דער מאַמע געזויגן,
געטרונקען ווי טאָגליכט מיט מײַנע אויגן;
כ׳האָב אין דעם לשון געהערט און פאַרנומען
דעם טאַטנס גערייד, די קרעכצן פרומע
פון מאַמעס און באָבעס.

אָ יידיש לשון, מאַמיש לשון,
ווי האָניק ביסט זיס און ביטער ווי גאַל!
מיט דיר כ׳בין געשטיגן און געפאַלן,
מיט דיר כ׳טו לעבן, טרויערן, זינגען,
אין דײַנע צעווייטיקטע אותיות כ׳טו זינקען,
ביז ס׳וועט דאָס האַרץ אויף שטענדיק אײַנשטילן
מײַן געזאַנג, מײַן יידיש־תפילה.

✡ ✡ ✡

קום, וואָרט מײַן

קום, וואָרט מײַן, מיט מוזיק פון לשון,
וואָס צענעמט און הײַטערט דאָס געמיט,
אַז דאָס האַרץ־פלעמל וואָס פאַרלאָשן,
זאָל צינדן זיך מיט ליכט פון ליד.

קום ליד מײַן, געזאַנג פון אַ לעבן,
פרייען וועלן מיר זיך זאַלבעצווייט,
אין מיטן פון פאַרגיין און טרויער —
אָנגעטרונקענע מיט ווײַן פון פרייד.

קום, וואָרט מײַן, אויסגעבענקטע כלה,
זיך טוליען אין מײַן מידער שויס.
ווי די זון פון וואָלקן ווער נתגלה,
ווי ס׳געבלי פון יאַסמין און פון רויז.

האַמער אויס מיר, ליד מײַן, לוחות נײַע
פון ריין נשמה־ליכט און בלוט;
כל עצמותי זאָלן אויסזינגען:
„מה טוב — ווי גוט!"

☆ ☆ ☆

צו וואָס?

כ׳האָב גענומען די פעדער, דאָס ווײַסע פּאַפּיר
און דער ווײ האָט געשטומט אין מיר, אַרום מיר
און דאָס וואָרט האָט געשמאַכט, אין פּיבער געגליט
בײַם ווערן בעל־כּרחו געבוירן אין ליד.

צו וואָס נאָך אַ ליד פון שפּינוועבס און קרעכץ, —
אָפּשפּרוכן פרומע פּאַר רשעות און שלעכטס;
דער וואַרגער וועט וואַרגן, דער טיליקער שאַרפט
זײַן שפּיז די פּאַרסמטע, זײַן בלוטיקע האַרף.

און גואל, ער זאַמט זיך, פּאַרלוירן דעם שליאַך
און קומען ער וועט שוין נאָך בראָך און קראַך,
צו בענטשן דעם שׂריד צום נײַעם באַגין —
פון בלוט און פון לײַד, קדושה און זינד.

✡ ✡ ✡

פּשטות

קום, פּשטות, אמתדיקע שיינקייט,
זיך פּאַרברודערן פון דאָס נײַ,
ס׳וואָרט זאָל ווערן שטילער, לויטער
און בלײַבן זיך אַליין נאָר טרײַ.

קום פּשטות, קוואַלוואַסער פון לעבן,
פּאַרשיכּור מיך, טרינק מיך אָן,
כ׳זאָל זיך ווײַטערן פון פעלשונג,
פון זאַטן, גאַווהדיקן טאָן.

קום, פּשטות, ווי גוטע ברידער
זיצן וועלן מיר באַנאַנד
בײַ דעם אָרעמטיש, אין ווינקל,
בײַ דעם סאַמע לעצטן ראַנד.

די גאָלדענע פּאַווע

געקומען איז די גאָלדענע פּאַווע
צו פֿליען פֿון פֿרעמדער ווײַט;
כ׳האָב יאָרן־לאַנג געוואַרט אויף איר
אין טרויער און בענקשאַפֿט צעשיידט.

גאָלדענע פּאַווע, איינציקע, טרײַע,
קום באַווײַז זיך מיר צוריק,
שוועב און זינג אין געפֿלאַטער
דאָס אַלטע ליד פֿון טרויער און גליק.

גאָלדענע פּאַווע, איינציקע, טרײַע,
וואָס האָט דאָס לעבן אָן דיר אַ זין?
ס׳זײַנען די טעג אָן דײַנע קאָלירן
פֿאַרוועבט אין גרוי ווי אַ שפּין.

און ס׳האָט די פּאַווע פֿון מרחקים
דערהערט מײַן תּפֿילה, מײַן געבעט
און צוריקגעקומען צו היילן
און דערפֿרייען ס׳האַרץ פֿון פּאָעט.

איצט פֿלאַטערט זי, אין בונטע קאָלירן,
אַרום מיר, אין מײַן געמיט
און ס׳פֿרעפֿלען די ליפּן פֿון זיך אַליין
אַ נײַעם ניגון, אַ ליד.

☆ ☆ ☆

טעג אָן לידער

טעג אָן לידער זייַנען מאַטע,
עס ציען פויל זיך די שעהן,
אויסגעלאָשענע, אָן־זוניקע,
אייַנגעהילט אין נעפּל גראָען.

ס׳שרייַט די שטומקייט — אַן עקרה
נאָך שוואַנגערוויי פון געבוירן;
כ׳בין אַ בעטלער דאַן, איך שטיי
פאַר צוגעמאַכטע טויערן.

כ׳בין אַן אורמענטש, כ׳וואָלט געשלאָגן
אין האַרטן קיזלשטיין ביז עס
וואָלטן פונקען זיך צעזונגען
אין וואָרט־אימאַזשן און וויזיעס.

אייַנגעשטילט דאָס האַרץ — אַ האַרפע,
וואָס פאַרשטומט עס האָט דער טרויער,
וואַרט איך לאַנג, וואַרט געדולדיק
אין אַ ציטערדיק געלויער,

ביז עס וועלן זילבן, ווערטער
אומדערוואַרט אין מיר אויפקומען
און ווי שפּריירעגן דערפרישן
מייַן טרוקן־דורשטיקן גומען.

✡ ✡ ✡

אמתדיק

אמתדיק, טרײַ, נישט געפּעלשט,
זאָל שײַנען דײַן וואָרט ווי ס'ליכט פון טאָג,
זאָל ווערן געוויגן אויף ערלעכער וואָג,
מיט אייגענעם בלוט באַשיצט און פאַרהיט, —
אמתדיק־טרײַ זאָל בלײַבן דײַן ליד.

✡ ✡ ✡

ליידיק איז אַרום

יידיש, מאַרך פון מײַן נשמה, פון מײַן גאַנץ וועזן,
ווער וועט דיך באַשיצן? ווי ווערסטו גענעזן
פון די שונאים אַלע, פון דײַנע פאַרדאַרבער —
אייגענע פאַרנייענער, בייזע פרעמדע שפאַרבער?

עלנט ביסטו אין דײַן שיינקייט און פאַרלאָזן
איז דײַן ווײַנגאָרטן געוואָרן מיט ווילדגראָזן.
אין אים טו איך קניען פאַר דײַן שקיעה־שײַן,
ליידיק איז אַרום מיר און אין האַרץ — געוויין.

✡ ✡ ✡

נישט דערהערטע

וויביימער, וואָס שעפּטשען, אין סודות פֿאַרהילטע,
אין פֿינצטערע נעכט זייערע תּפֿילות פֿאַרשטילטע,
אַזוי זינגען מיר אונדזערע לידער פֿאַרטרערטע —
פֿון קיינעם פֿאַרנומען, פֿון קיינעם געהערטע.

ווי פֿייגל, וואָס טראָגן אויף ביימער־צווייַגן
פֿרימאָרגן־שירה דער וועלט אַנטקעגן,
אַזוי טראָגן מיר, לעצט־יידישע פּאָעטן,
אונדזערע נישט דערהערטע געבעטן.

✡ ✡ ✡

דער דיכטער

דער דיכטער טרויערט אויף זייַן וואָר
און שעלט זייַן שטערנלאָזע נאַכט;
ס׳האָט דער גורל — אַ בייזער לץ,
אים אָפּגענאַרט און אויסגעלאַכט.

ער האָט צום ליד פֿאַרשווּוירן זיך
און אויסגעשליפֿן יעדן טראַף,
ס׳זאָל שימערירן, זוניקן
דעם וואָס געפֿאַלן איז און שלאַף.

ווי זשע איז ער שטיין געבליבן
מיט לשון זייַנעם, מיט זייַן וואָרט
ווי אַ בעטלער בייַ די טירן
אין אַ ווייַטן, פֿרעמדן אָרט?

געפאַנגענער

געפאַנגענער, פּרוּוו נישט אַנטלויפן
פון אייגן לשון ווי פון דײַן הויט;
לויערן וועלן אין די פרעמדן
די לערע נאַכט און דער נאַרן־טויט.

מוזסט בלײַבן שוין אַ בלודנער גייער,
מיט דמיון־ווינטמילן פירן קריג;
מורמלען תּפילות נישט געהערטע
און אײַנוויגן — אַ ליידיקע וויג.

בלײַבן מוזסטו שוין — אַ משכּון
פון היימען נישט־געוואָרן אין בראַנד;
טרינקען וועסטו זייער צער און צאָרן
בעכערס פולע, ביזן ראַנד.

✡ ✡ ✡

מײַנע לידער

מײַנע לידער —
ציטערדיקע פייגל
פון אַ חלום־לאַנד אַ ווײַטן.

מײַנע הענט —
שטרעקן זיך ווי צווײַגן
גאַרנדע נאָך זון און שירה.

און מײַן האַרץ —
אַן אויפגעוואַכטע נעסט
צווישן הימל,.ערד

וואַלד און בוים,
ליכטיק־בלויען רוים.

ווייפל לידער

ווייפל לידער
זײַנען נישט אויפגעקומען,
צעטראָטן געוואָרן
אין ערב שפּראָץ.

אין טעג פאַראומערטע
גייען אויס גאַרונגען,
פאַרקניפּט ווערן שלייפן
אין פּחד פאַרן האַרבן טאָג

און פאַר דער נאַכט, וואָס טריפט
מיט טראָפּנס פון אַליינקייט.

✡ ✡ ✡

חלום און ליד

ווי אַ פויגל געפאַנגען, וואָס פלאַטערט
מיט פליגלען אין אײַזערנער קראַטע,
אַזוי פלאַטער איך אין גרויקייט פון טעג —
צו אַ וועלט פון חלום און ליד.

ווי ס׳וואַרט די ערד אין טרוקענער שמאַכט
מיט טוי און רעגן ווערן באַפּײַכט,
אַזוי וואַרט איך אין מדבר פון טעג —
אויף רגע פון התגלות, פון ליד.

פאַרנעם ווי עס רופט, הער ווי עס שרײַט
מײַן האַרץ און מוח, מײַן אינגעווייד:
שענק מיר, אָ גאָט, די הייליקע פרייד —
פון יצירה, פון ליד.

אַן אָפּגעדאַרטער בוים

ס'וויינט מײַן האַרץ אין דער שטיל
פון קיינעם נישט דערהערט;
פון גאָט און מענטש אָפּגעפרעמדט,
געבליבן אויף דער ערד

ס'קען דאָס וואָרט נישט טרייסטן מער,
פאַרשטומט איז עס געוואָרן;
ס'קומען טעג ווי דערנער אויף
און זאַמלען זיך אין יאָרן.

ערגעץ גילגולט מײַן ניגון,
וואָס כ'האָב פון זיך פאַרטריבן
און בין — אַן אָפּגעדאַרטער בוים —
נאַקעט־הויל פאַרבליבן.

☆ ☆ ☆

אין היימישן פּאַרק

אָפּגעטראָטן איז די טריבקייט,
דער טרויער־גריל איז פאַרשטילט געוואָרן
ווי נאָר כ'בין אַרײַן אין פּאַרק אין היימישן,
ווו עמך־יידן רוען געמיטלעך
אין אַ שבת פאַרנאַכט.

ס'אַרט מיך נישט דאָס טעשלען פון די קאָרטן,
אַבי איך הער דאָס היימישע לשון,
אַבי כ'זע שפּאַצירן
מאַמעס פאַרוועלקטע, גרויע טאַטעס
פון קאַנטן היימישע, שׂרידים
פון פאַרצוקנדיקן פײַער.

אַבי כ'זע אַ באָבע־זיידע,
וואָס פירט אַן אייניקל בײַם הענטל
צו די הוידעלקעס, גליטש־אַראָפּערס,
אין היימישן, פרײַען פּאַרק.

איינציקווײַז

איינציקווייז פֿאַלן זיי אָפּ און אַנטווערן
ווי בלעטער, וואָס פֿאַלן אין האַרבסטווינט אין קילן;
עס לעשן זיך אויגן און קולות פֿאַרשטילן,
ווי אין אַ כמאַרע־נאַכט ס׳לעשן זיך שטערן.

איינער אין אייגענעם בעט ווערט אַנטשלאָפֿן,
אַ צווייטער — געבונדן אין רצועות פֿון ווייטיק,
אַ דריטער פֿאַלט אָפּ ווי אַ פּרי וואָס צײַטיקט,
אַ פֿערטער פֿאַרפֿרירט ווי אַן אײַזשטיק אין צפֿון.

און ליידיקער ווערט אַרום און אַרומעט,
ס׳געזאַנג פֿון אַ דור, אין פֿאַרשיידענע טענער,
לעשט אויס זיך, גייט אײַן, ווערט קלענער און קלענער,
אַזוי ווי אין ליידיקן קלויז אַ נר־תּמיד.

און האַרב איז דער וויי פֿון אָפּגיין און שטאַרבן —
אַוווּ איז דער יורש, וואָס זאָל נאָך אים אַרבן?

✡ ✡ ✡

יידישוואָרט

און וויפל כ׳זאָל נישט זוכן
אין דער האַוועניש פון טעג
אַ טראָפּן טרייסט,
אַ ברעקל פרייד,
אַ פּיצל אָנשפּאַר —
מוז איך אַלץ אַנטלויפן
מיט ברענענדיקע שלייפן.

ווּ זאָל איך לויפן, ווּ,
אין וועלכע ווײַטן?
ווער וועט מיך דאָרט באַגעגענען
און ווער וועט דאָ באַגלייטן?
געבליבן נאָר איין לעצטער פּאָרט —
דאָס טרײַע, שטילע יידישוואָרט.

וואָס האָב איך מער ווי דאָס וואָרט —
מײַן ליבטיקער באַגלייטער?
כ׳שטייג מיט אים אַרויף־אַרויף
ווי אויף יעקבס לייטער.
ס׳איז דאָס וואָרט געבליבן מיר
אַ טרייסט פּאַרווייטע.

ס׳איז יעדער אות דאָרטן
אַ הימל און אַ תהום גלײַכצײַטיק
און יעדעס וואָרט איז אַ וועלט
מיט בראָך און ווייטיק.
און טרייסט איז אויבעט דאָרט פּאַראַן,
אוודאי —
הימלבלאָ צעשטערנטער
אויף וועגן נע־ונדע.

✡ ✡ ✡

וואָס בין איך שולדיק?

וואָס בין איך שולדיק,
אַז ס'איז שוין נישטאָ באַלד
ווער עס זאָל מייַן ליד פאַרשטיין?
די ווערטער קומען אויף ליפּן אַליין,
לייגן אַוועק זיך ווי שטילע לעמער
און מאָנען, בעטן: "זיי אונדזער נעמער".

נעם איך און זינג זיי צונויף
אין אַ יידיש ליד, אַ פרום געזאַנג.
עס דבקעט מייַן האַרץ אין ציטעריקער פרייד,
ס'שפּילן אויף סטרונעס פאַרבאָרגענערהייט
אַ פריילעכן זמר פון מאָדזשיצער קלייַזל,
אַ טרויעריק ליד וועגן רייזל
דעם שוחטס טאָכטער, וואָס האָט זיך דערטרונקען;
ס'האָט מייַן מאַמע אַמאָל מיר געזונגען
די האַרציקע לידער, די ניגונים,
איך שעפּ זיי אַרויס ווי פון אַ ברונעם.

און ווייל ווערט מיר, ווייל —
מיין האַנט צייכנט ווידער
אויף ווייַסע פאַרמעטן יידיש־לידער.

✡ ✡ ✡

פרייד פון יצירה

גרויס איז די פרייד
פון יצירה, פון ליד.
זאַמלסט צונויף אייגענע לייַד,
שמעלצסט זי אויס אין וואָרט און קלאַנג,
ביז ס׳שלאָגט אַרויס געזאַנג
ווי אייַזנגאָס צעגליט.

אָפט —
ווי אַ בליץ אין אַ כמאַריקער נאַכט,
עפנט זיך אַ קאָסמישער קוואַל,
ס׳גיבן די ווערטער דיך אַ באַפאַל,
טאָרסט נישט פאַרלירן דאַן קיין צייַט,
נאָר גלייַך ווערן אָנגעברייט.

ווי אַ שיכור, וואָס ציט צו דער פלאַש,
זוכסטו צעטומלט אַרום אין טאַש
אַ פענע, אַ בלייַער, אַ שטיקל פאַפּיר —
דאָס ליד צו פאַרשרייַבן.

☆ ☆ ☆

דור היתום

דאָס יידיש־לשון פליסט פון מייַלער
פון מענער, פרויען אַרום מיר —
שׂרידים פון פּוילן, אונגאַרן, ליטע,
מאָהיקאַנער פון אויסגעקוילטע שבטים.

מייַן אויער איז אָנגעשפּיזט
צו דער מוזיק פונעם לשון,
כ׳כאַפּ אויף ווערטער פאַרגעסענע
ווי פייַנע איידלשטיינער.

וויי, אין מייַלער פון קינדער, אייניקלעך
די לאַנדשפּראַך איז פאַרפלאַנצט שוין,
דאָס היימישע לשון גייט איין צוזאַמען
מיטן דור היתום,

קומט צו קבורה אין קאַבינעטן
פון אַ צענדליק פאָרשער.

י.מ. ווײַסענבערג

ס׳האָט דײַן וואָרט געבײַטשט און געבענטשט,
ס׳איז געווען ווי הייס־צעגליטער פלאַם;
האָסט אויסגעזונגען ס׳געזאַנג פון האָרעפּאַשנעם מענטש,
די גבורה פון זײַן יאָדערדיקן שטאַם.

ס׳האָט אויפגעאָטעמט דײַן "שטעטל" מיט נײַער קראַפט,
וואָס האָט פון טיפענישן געגומען שפּאַרן;
האָסט פון קריינדעלען — אַ צעטראָטענע בלום,
אַרויסגעכּישופט אַלע שטילע צערן.

און ווי דער זקן, וואָס האָט אין עושרס פעלד
אַ שטיין געוואָרפן — האָסט דער רשעות פון דער וועלט
און ביסט אַוועק, צו זײַן מיט זיך אַליין,
פון טיפער אייביקייט הערן דאָס געוויין.

האָבן זיך געצויגן דײַנע טעג
אין שטאָלצן טרויער אײַנגעהילט,
ביז ס׳האָט דער טויט דײַן האַרץ
אויף אייביק אײַנגעשטילט.

✡ ✡ ✡

כ׳האָב ליב

י. אָפּאַטאָשון

כ׳האָב ליב די זאַפטיקייט פון דײַן יידיש,
פון מײַן היים פיל איך דאָרט דעם ריח;
ס׳איז דײַן לשון פון פאָלקס יאָדער,
ס׳אָטעמט מיט לעבן און מיט כּוח.

ס׳איז דײַן וואָרט — קרעפטיק, לויטער,
יעדער זאַץ פול איז מיט גבורה;
צו מײַן היים דער אָפּגעמעקטער
ווי שטעגן דײַנע שורות פירן.

שלום אַש

ווי לאַנג איז דען ווי ר׳האָט געשפּאַנט
אַזאַ יונגער, טראָציקער און פרייַער?
פון שטעטלעך יידישע אין פוילן־לאַנד
איבער גרויסשטאָט־טראָטואַרן
געגאַן איז שלום אַש אַנטקעגן
דער פרייד פון פאָלק און זייַנע צערן.

ווער האָט אויסגעזונגען נאָך אַזוי
אונדזער קרוינלאַנד ביי די ווייַסל־ברעגן?
אויסגעאיידלט און באַשייַנט
די טעבטער אונדזערע מיט חן,
די מאַמעס אָנגעטאָן דעם שכינה־הויב
און אויסגעדימענט אונדזער געטאָ־שויב.

פון קוטנע ביז ניו־יאָרק, אויף וועלטס וועגן,
אַרויסגעפּלייצט האָט פון ביכער־ברעגן
זיין ליריש גרויסגעזאַנג פון מענטש און ייד.
און ווי מע האָט זיך שטאַרק געמיט
אים דערווייַטערן, פאַרטרייַבן —
וועט ער אויף שטענדיק מיט אונדז בלייַבן.

✡ ✡ ✡

דייַן פּערז

אברהם סוצקעווערן

דייַן פּערז — אַ האַרף, די סטרונעס — שנורן בלוט,
יעדער קלאַנג שנייַדט אייַן זיך אין דער נשמה;
דו ווייַנסט נישט אויפן קול, נאָר דער גרויסער צער
שפּיגלט אין דייַן וואָרט ווי אין אַ ברונעם.

איך טרינק מיט דיר אין איינעם ס׳ביטערע געטראַנק —
די בראָך פון היים פאַרטיליקט אין דער שחיטה;
און ס׳זינגט אין מיר דאָס פאַרשניטענע געזאַנג
פון יידיש־פוילן, פון ירושלים דליטא.

משה שולשטיין

אונ ווייל איז דעם פּאָעט, וואָס אַלץ נאָך קאָן
אָנשלאָגן דעם מה־טוביקן, עכטן טאָן.
זײַן וואָרט איז נישט פֿאַרסמט מיט טרויער, האַס,
ער זינגט, ווי ס׳וואָלט נאָך אַלץ די יידיש־גאַס
געשפּרודלט, ווי אַמאָל, מיט געזאַנג, געבעט —
אַז ווייל איז אים, דעם מאמין, דעם פּאָעט,
וואָס שלאָגט אויס מים־חיים פון האַרטן שטיין,
צינדט אָן אין יאוש־נאַכט אַ ליכטערשײַן
און טראָגט דעם פּיל־געפּרוּווטן פאָלק פון דאָס נײַ
טרייסט־און הייל־לידער פון לעבן און פון פרײַ.
ער פאַרנעמט דאָס קול פון פידלער פון שאַגאַל
און די טרער בײַם כותל פון מידן חייל
און באַדויערט דעם הירש מיט דער הערנער־קרוין,
וואָס לעבצט נאָך וואַלד און פרײַ — אַ טויטער שוין.
ס׳בריט אין אים דער ווייי פון פויגל, וואָס אַ קויל
האָט דעריאָגט — ביז צום יעגערהונט אין מויל.
בחורל פון קאָריוו, מוטיקער בונטאַר,
ווען געלויערט האָט אויף וועלט דער גרויסער גזר,
האָסט דײַן ליבשאַפט־אָרעם קעגן קאַלטער ביקס,
ווי אַ טויב צום ברודער־מענטש פאַרויסגעשיקט.
האָסט אין צעלע אויסגעקלאַפּט מיט דריבנע טריט
און פאַרקריצט דיר אין זכרון — אַ נײַ ליד
און געבעטן אַ געשאַנק פון יאָרן, טעג
צו פאַרשײַערן די שירה — דײַן פאַרמעג.
און אַזוי ביז לעצטן אָטעם, מיט ליד און גראַם
האָסט געקרעפטיקט אונדזער לעבן, אונדזער שטאַם.
ביסט פאַר דער צײַט אַוועק, משה בן בנימין,
בלײַבן וועט דײַן ליד, לויכטן וועט דײַן נאָמען.

✡ ✡ ✡

מאָריס ראָזענפעלד

האָט ער אַ קינד אַ ליכטיקעס געהאַט,
נישט פאַר אים געווען איז ער אַ פאָטער;
אין שלאָף באַגעגנט האָט ער אים,
אין שלאָף געזעגנט האָט ער אים,
בלויז די נאַכט האָט אויסגעלייזט
פון שקלאַפנמי און מאַטער.

האָט ער געזונגען דאָס טרויערליד
פון אַלע טאַטעס די פאַרחושכטע,
פון אַלע פרייד־באַרויבטע קינדער;
דאָס האַרטע ליד פון גרויער נויט,
דעם חלום וועגן ליכט־און ברויט:
״אַז אָך און וויי, אָך און וויי,
נאָר ברויט מיט טיי, נאָר ברויט מיט טיי״.
נאָר נאָדלשטאָך, נאָר האַמערקלאַפּ,
נאָר שטיקעניש און שוייס פון שאַפּ.

און ס׳האָט זײַן וואָרט
זיך געצונדן און געגליט
מיט בונטאַריש ליד,
מיט צײַן־געקריץ און מיט געשעלט
אַקעגן מאַכטהאָבער פון וועלט.

נאָר ס׳האָט דער יאוש נישט דערדריקט,
דאָס האַרץ פון דיכטער נישט געפאַנגען;
געטראָגן האָט ער פון דאָס נײַ
דעם אַרבעטסמאַן טרייסט־געזאַנגען.

✡ ✡ ✡

נאָך לוינט זיך צו לעבן

אין אָנדענק פון איידע מאַזע

מיט גאווה און זיכער דער רשע גייט אום
און דו גייסט געפאַלן, געבויגן און שטום
און שאַרסט זיך דורך טאָגליכט אין ווינקלען פאַרשעמט
מיט בענקשאַפט און טרויער אין האַרצן פאַרקלעמט.
נאָר ווייס, אין דער שעה פון אַליינקייט און פּיַין:
נאָך לוינט זיך צו לעבן, נאָך לוינט זיך צו זיַין!

נאָך זינגט ווו אַ דיכטער מיט האַרץ און מיט ליַיד
אַ ליד אַזאַ לויטערס ווי פּשוטסטע פרייד.
און ערגעץ ווו פּערלט אַ מאַמע איר טרער
און עמעץ שטרעקט אויס נאָך מיט ריינעם באַגער
אַ צווייטן געפאַלענעם ברודער אַ האַנט —
נאָך לוינט זיך צו לעבן אין ציַיטן פון שאַנד!

ווײַל ערגעץ אין מיטן דער סדומיקער שטאָט,
זוכט עמעץ אַ וועג נאָך צו מענטש און צו גאָט,
בעט עמעץ פאַרגעבונג פאַר פּיַין און פאַר זינד,
איז עמעץ מתפלל פאַר זקן, פאַר קינד
און רופט אין דער פינצטער־אומהיימלעכער שעה:
עס לוינט זיך צו לעבן — אַ מענטש איז נאָך דאָ!

✡ ✡ ✡

דער מאַן פון ליד

אין אָנדענק פון י.י. סיגאַל

אין אַ שמאָלן ארון רוט דער מאַן פון ליד,
דער ריטער איידעלער פון וואָרט און קלאַנג;
איַינגעשטילט האָט דער טויט זייַן וואַכיק האַרץ,
פאַרשטומט געוואָרן איז זייַן פרום געזאַנג.

ווי די בעטלער זייַנע שטילע, הייליקע,
מיט שטריק פאַרגאַרטלט אַרום דיך און לענד,
האָט ער פאַרגאַרטלט זיך מיט לידער יידישע,
געתפילהט זיי צווישן טונקעלע ווענט

פון אַ קלייַזל אויף אַן אָרעם געסל,
ווו ס'זיצט אַ זקן ווי אַ ווייַסע טויב
און זינגט, אַריבער דער צערעשטער וועלט,
פון ספר תהילים — דעם אַלמעכטיקן אַ לויב.

אַזוי האָט ער, דער דיכטער, רעגנבויגנדיק,
געזונגען פאַר זייַן פאָלק אויף דעם געמאַרק:
"דו ריינע טויב! דו שאָף צווישן וועלף!
אין דייַן געפאַלנקייט — זיי מונטער־שטאַרק!"

אין דער אַלטעגלעכקייט פון גרויער וואָך
האָט ער געפירט מיט זיך אַ שטענדיקן וויכוח:
"וואָס ווילסטו, יעקב־יצחק, מער ווי ס'ליד
פון אָרעמאַן — בעטלער און משיח?"

נעם זינג אויף אַ ליבגעזאַנג אַ נייַס,
בענטש נאָך אַ מאָל גאָטס גרויסע ווונדער —
די מילדע זון אין פריער פרילינגשייַן,
די אויגן ליכטיקע פון קליינע קינדער."

✡ ✡ ✡

דער ריטער פון שיינקייט

אין אָנדענק פון ז. סעגאַלאָוויטש

ווי סטרונעס פאַרקלעמטע
אין פידלערס פינגער,
געפּלאַצט האָט דאָס האַרץ
פון אײדעלן זינגער.

נאָך זילבערט זײַן קאָפּ
ווי אַ קרוין פאַר די אויגן
און שטאָלץ איז דער בליק,
מיט טרויער פאַרצויגן —

און שוין איז נישטאָ דער,
וואָס פלעגט אונדז פאַרוויגן
מיט בלויע געזאַנגען,
מיט צערטלעכן ניגון.

אין יידישע שטעטלעך,
אין געטאָס פון פּוילן,
געווען איז זײַן ליד
אַ טרייסט אין די גרוילן.

ער האָט אין די אָרעמע
שטיבער געגנידערט,
געזוניקט די נויט,
מיט שטערן פאַרברידערט.

געווען ר׳איז בײַ אונדז
פון שיינקייט דער ריטער,
פון אַלטע לעגענדעס
און חלומות דער היטער.

זײַן ליד איז געווען
פלאַטער פון פליגל,
ווי ס׳וואָרקען פון טויבן —
זײַן לויטערער ניגון.

ער האָט וועגן בערג
געחלומט, געזונגען,
נאָר טיף אין תהום
זײַן דור איז פאַרזונקען.

האָט ער געשפּאַנט
מיט טריט מיט געברענטע —
אויף שליאַכן פון וואָגל,
אין אַש פון פאַרלענדטע.

האָט ער פון האַרץ
די פרייד אויסגעריסן,
מיט וויי פון דערמאָנונג
געברענט דאָס געוויסן.

מיר שטייען — אבלים
איצט און מיר קלאָגן:
"ווער וועט זײַן ניגון
באַנײַען און טראָגן?"

✡ ✡ ✡

יוליאַן טובים

יוליאַן טובים,
וועלכער שר־השירה אָדער שד
האָט דיך — דעם ייד — פאַרגילגולט
אין אַ פוילישן פּאָעט?

ביסט געווען אַ מעטעאָר,
וואָס האָט באַלויכטן די פּוילישע ווייַטן,
און איידער האָסט זיך פאַרלאָשן,
האָסטו אין פּוילישן לשון —
אַ דענקמאָל געלאָזן פאַר דורות און צייַטן.

פּזיזהדיק־אומרואיק ביסט געווען,
מיט דעמאָנישן געלעכטער —
אין צאָרן־אויסברוכן גערעכטע.
מיט אַ רוט אַ גליאיקער האָסט געשמיסן
אַלע האַרן און באַפעלער,
פון פיליסטער — מאַסקעס אַראָפּגעריסן
נאָר מיט ליבשאַפט געזוניקט
די נויט פון סטריך און קעלער.

האָסט טיף געגראָבן אין די גרונטן
פון פאָלקס לשון און זייַן לעבן,
ס'זאָלן ווערטער אויפקומען ווי זאַנגען בונטע
איבער גרינע לאָנען פון גרויספוילן,
ס'זאָל רינען אין זיי די זשיוויצע פון דעמבעס
אויף אַלט־פּוילישע שטילע וועגן,
דער ריח פון היי־לאָנקעס זאָל אויפגיין,
געקאָסעט נאָך אַ זומער־רעגן.

אַלכעמיקער פון ווערטער ביסט געווען,
האָסט זיי קאַפּויערט, אָרקעסטרירט, באַפּוילן,
געפּראַוועט כּישוף שטיק אויף מערק פון פּוילן.
געשטוינט האָט מען, געטיײַטלט מיט די פינגער:
"ווער איז ער דער מכשף־זינגער?"

ווער ביסטו געווען? אַנטפּלעק זיך אַצינד,
ווען ס'איז דײַן געביין צעפּאַלן און ס'רינט
דײַן בלוט אין שורות פון לידער.
וואָס האָסטו געחלומט אין איינזאַמער נאַכט?
בײַטאָג אין קאַפּייען, וואָס האָסטו געדאַכט?
צי האָסטו געהערט ווי ס'זינגט פאַרבאַהאַלטן
אין דיר דאָס בלוט פון שטאַם אוראַלטן?
צי האָט דיך געצויגן, אויף היימישער ערד,
אַהין, צו די יידן מיט פאות און בערד,
אַהין, צו די היצקעפּ יונג־פרײַע?

ערשט אין גלות, אין ווײַטער פרעמד,
ווען מ'האָט געברענט און פאַרלענדט
פּוילישע יידן — פון קליין ביז גרויס
(מיט זיי — דײַן לײַבלעכע מאַמע),
האָסטו טיר און פענצטער אויפגעפּראַלט
און אויסגעשריגן אַזאַ גרויסן געוואַלד:
"מיר — פּוילישע יידן,
מיר — ביילישעס, גודלאַיעס,
געיאָגטע, געקוילעטע חיות..."

☆ ☆ ☆

ביסט צוריקגעקומען צו פוילן אָן יידן
מיט אַ חלום אַ מידן:
נאָך אַ מאָל זען, אין צעבליטקייט, די פוילישע וויאָסנע
און רוען אין אַן ארון פון היימישער סאָסנע.

* * *

אין דמיון כ׳באַלעב דיַין געדענקשטיין,
מיט פיַיער־אותיות דאָרט שטייט:
״פה נטמן דער זינגער פון פוילן,
דער ייד פון געבוירן און ליַיד״.

✡ ✡ ✡

ריימאָנד סאַוסטער

דאָס ליכט פון טאָגטעגלעכע ווערטער,
די שייַן פון פּשוטע מענטשן —
לייַכט פון דייַנע לידער.

דער וואַרעמער אָטעם פון שיכּור,
וואָס וואַלגערט זיך אין אייגענער השתנה,
באַהויכט דייַן ליד מיט רחמים
צום עלנטסטן חי און דומם
אויף אונדזער געשטראָפטער ערד.

פּאָעט פון אַלטעגלעכקייט,
בייַטאָג בייַם שרייַבטיש אין באַנק,
בייַנאַכט — אין טונקעלער טאַווערנע,
פאַרנעמסטו ס׳געריידּ פון האָרעפּאַשנעם עמך
איבער קופּלעס מיט שוימיקן ביר.

צענטערשטאָט, אין די אייַל־שעהן,
ווען שטיין־און גלאָז געבייַען שפּייַען אויס
די מענטשן־מענגעס,
שווימסטו אינעם מעטראָפּאָליע־טייַך,
זעסטו און פאַרנעמסט אין דעם געדראַנג
דאָס שיכּורע אינדיאַנער־ייִנגל; אַ געווייַכטער,
מורמלט ער זייַן טענה־ומענה, פון קיינעם נישט געהערט;
און דאָס געזידל פונעם ריז, דעם סלאַוו,
וואָס ביטערט אויס אויף זייַן באַסאָווער שטימע
אַ קלאָג אויף דעם אייזן־און בעטאָן כּרך,
ווייַט־ווייַט פון היימיש־גרינע פעלד־און פּלייַנען.

ריימאָנד סאַוסטער,
האָסט געלערנט מיך צו הייליקן
אין פּשטות־ליד —
אַיעדע שעה פון טעגלעך־גרויען לעבן.

✡ ✡ ✡

ה. נצח ישראל

אָדע צו די פּשוטע ייִדן

פּאַר מלך און רחל ראַוויטש

מיט אַלע אברים, מיט מײַן גאַנצן זײַן,
ווי אַ בוים, וואָס וואָרצלט אין שוואַרצערד אַרײַן,
בין איך צוגעקניפּט צו אײַך —
פּשוטע ייִדן.

ווי אַ קינד, וואָס קלאַמערט זיך אָן מאַמעס קלייד,
ס'זאָל נישט פאַרלירן זיך אין פרעמדער ווײַט,
אַזוי האַלט איך זיך אָן אין אײַך —
פּשוטע ייִדן.

ס'מעגן פײַנשמעקער זיך שפּעטן, האַלטן גרויס,
מיר איז ליב דער ריח פון אײַער שווייס
און ליב איז מיר די גרויע וואָך —
פון פּשוטע ייִדן.

נישט איין מאָל כ'האָב געזינדיקט שוין מיט דעם:
געוואָרפן מוסר־רייד, געכמורעט בייז מײַן ברעם,
געמורמלט מיט פאַרדרוס, געוועקט —
די פּשוטע ייִדן.

נאָר איצטער וועל איך אויסטאָן מײַנע שיך
און אָפּוואַרפן אַלע שטראָפרייד פון זיך
און באָרוועס עולה־רגל זײַן —
צום פּשוטן ייִד.

און זיכער בין איך, אַז דאָרטן בײַ אים
ליכטיקט נאָך אַ ניצוץ פון בעל־שם
און ס'רוט די שכינה דאָרט צווישן —
פּשוטע ייִדן.

און אויב עס איז מיר עפּעס נאָך באַשערט
אויף אונדזער טרויעריקער, האַרטער ערד,
וויל איך זינגען גלייביק־פרום —
פאַר פּשוטע ייִדן.

☆ ☆ ☆

אין בערג

עס רוען די בערג ווי מעבטיקע וואַלן,
וואָס זײַנען פון חשבות געוואָרן באַפּאַלן;
ס׳שטאַרן צום הימל די פעלדזן און שטיינער,
ווי חיות וואָס גלאָצן מיט ריזן־ציינער.

בײַ בלענדיקער שײַן פון פלאַם צעהעלטן
מיר רוען אַלע אַרום די געצעלטן;
און איבער זיי די פאָן איז פאַרהאָנגען
און איבער אַלעם — יידיש־געזאַנגען.

נעמט איינער ריידן, אין שײַן פון ליכטער
ערנסטער ווערן יונגע געזיכטער;
שטיל ווערט אַרום, אויף באַרג און טאָל,
ווי אַ ווײַטע זעאונג גייט אויף דער אַמאָל.

"אָט ווי דאָס פײַער — געגליט האָט די שׂנאה,
געפלאַקערט מיט אומרעכט, בלינדער אמונה;
און ס׳זײַנען זיידעס דורך פלאַמען־שײַטערס
געשטיגן אַרויף — אויף הימל־לייטערס.

דערנאָך זײַנען געקומען די וועקער,
פון געסלעך ווילנער געשפּאַנט האָט לעקערט,
אין זײַנע פוסטריט אַ דור איז געגאַנגען
צו גרויסע פאַרמעסטן און צו געראַנגלען.

מיט לעבן געשפּאַרט האָבן היימישע גאַסן,
געשפּרודלט מיט לידער, מיט רויש פון מאַסן;
און ס׳זײַנען געוואָקסן די יונגע זאַנגען —
באַהעלט פון חלומות, פרייד און געזאַנגען.

נאָר ווידער האָט זיך דער האַס צעפלאַקערט,
מיט זריעה פון טויט די ערד צעאַקערט,
אין ים פון רשעות ס׳פאָלק דערטרונקען,
אין טיפן אָפּגרונט דעם דור פאַרזונקען.

און מיר, די שארית, צעקלאַפּט פון געוויטער,
פון זעליש ליכט מיר זיינען די היטער.
געלייַטערט אין פּיַין, געצוואָגן אין שטורעם —
מיר הייבן זיך ווידער אויף ווי אַ טורעם״.

זייַן קול שטילט איין, ער זעצט זיך אַנידער,
מיר זינגען ווידער די היימישע לידער.
ביז נאַכט ווערט אין נעפּלען בלויע צערונען
און ס׳שיילט זיך פון בערג אַרויס דער באַגינען.

✡ ✡ ✡

בטחון

אין אַ חדרל אַ קליינס, אַ טונקלס
ברענט אַ ליכטל דאָרט אין ווינקל;

אין מיטן דער פאַרוויסטער שטאָט —
אַ מנין יידן זיצן אין אַ ראָד.

זיי דערציילט דער יונגער לערער
וועגן טיטוס, רוימישער צעשטערער,

וואָס האָט דעם גייַסט נישט אייַנגעבראָכן
פון פאָלק פאַרפאַנצערט מיט בטחון.

אַצינד מוזן מיר אויפסנייַ דערהייבן —
אונדזער יידיש־סינידיקן גלויבן.

שווייַגן יידן, שאָקלען מיט די בערד,
זייערע פנימער — שוואַרץ ווי ערד.

אין מיטן דער פאַרוויסטער שטאָט —
אַ מנין יידן זיצן אין אַ ראָד.

אָפּגעפרעמדטע

אָפּגעפרעמדטע, ווי מזלות אין די ספערעס,
אָן אַ גורלשאַפט, אַ בלוט־געבונד;
נאָענטע — און דאָך אַזוי ווײַטע,
אייגן בלוט און פלייש — אַ ווונד.

אָפּגעשיידט פון אייגן לײַב און לעבן,
טאַטע־מאַמע שווײַגן אין באַדויער;
די גראַמע לײדיקײט פון שטיבער
ווײנט מיט פאַרשטילטן טרויער.

ווי אַ טריקעניש אויף פעלדער,
וואָס פאַרדאָרבן האָט דעם פאַרזײ;
ס׳גייט דער אַקערער אַרום
אײַנגעהילט אין טרויערווײ.

✡ ✡ ✡

נצח ישׂראל

מע זאָגט דו ביסט פון שפּינוועבס און פון שטויב,
נישטאָ פאַר דיר קיין באָדן און קיין האַפט;
נאָר אין מײַן ברוסט עס שפּאַרט צו דיר אַ לויב
און אין מײַן בלוט — דײַן דורותדיקע קראַפט.

פון פאָרנט איז דער ים פון פעלקער־ברויז,
דער מצרי יאָגט פון הינטן מיט גערײַט;
און דו — פאַראײבּיקט מיט גאָטס וואָרט אין שויס,
שפּאַנסט געהייליקט אין דײַן לײַד און פרייד.

עס פאַלן מידע און פאַרווירטע אָפּ,
דער וועג איז לאַנג, דער האָריזאָנט איז רויט;
ס׳טיילן דורות נײַע זיך מיט דײַן גאָב,
דעם ברית באַנײַען זיי — אויף לעבן, טויט.

עס שווערט דאָס הארץ, די אויגן זײַנען פײַכט
נאָך דעם פאַרלענד פון נעכטן און פון הײַנט;
נאָר ס׳וואַרעמט אין מײַן טיף און סע לײַכט
דײַן סינידיקע ליכט און שײַן.

יאָמערפרייד געזאַנג

כ׳בין שוין אַריבער אַלע ברעגן
פון טרויער און פון גרויסן צער.
איינגעפאַלן איז מײַן וועלט
פון גאָטס פולן, שווערן גזר.

כ׳בין אַנטרונען, זיך געשלײַכט
פאַזע אָפּגרונטן און עיגול;
ס׳האָט מײַן וועזן געפינצטערט
ווי אין נאַכט אַ שוואַרצער שפּיגל.

כ׳האָב געבעטן: לאָז מיך נישט
אין דער פינצטערניש אַליין,
מיט הענט — צו דיר געשטרעקטע —
אין טונקל־שאָטן פון פאַרגיין.

איך בין דאָך אַ טייל פון דיר,
געפורעמט אין דײַן יה־געשטאַלט;
כ׳מוז דעם ברית ווידער באַנײַען —
נאָך אַלע טעג פון מאָרד און גוואַלד.

דעמאָלט האָב איך אין דער שטיל
דערהערט דאָס יאָמערפרייד געזאַנג
פון אַ גאָט, וואָס ליכטיקט גרויזאַם
איבער אויפקום און פאַרגאַנג.

✡ ✡ ✡

דער שויבן־וואַשער

דער שויבן־וואַשער מיט זײַנע בידנע כּלים:
אַ דראָטן וועגעלע, אַן עמער, באַרשט
און דרענגער צוויי מיטווישטיכער —
קוים אַרויפגעשלעפּט דאָס אַלעס
אויפן אויטאָבוס, גאָר שפּעטלעך
נאָך אַן אַרבעטסטאָג אַ פולן.

אַ ייד אַ בר־בטחון איז ער,
אַן ערלעכער יגיע־כּפּימניק;
לויבט דעם אויבערשטן פאַר געבן כּוח
אַרומצוגיין מיט עמער, וועגעלע
און חיונה ברענגען
דעם ווײַב אַהיים.

בזכות אלה — פּשטות און אמונה,
האָט ער זוכה געווען מגדל זײַן
צוויי בנים — צו גאָט און צו לײַט.
אַ טרייסט און אָנשפּאַר אויף דער עלטער,
אַ קדיש, איבער הונדערט יאָר.

✡ ✡ ✡

אַ רגע אָן גאָט

די געצן פון גאָלד, חיהשער לוסט,
האָבן פאַרפירט מיט מיראַזש פון גענוס,
האָבן געפאַנגען מיט חיי־שעה —
די ריינע אומשולד, שלווה און רו.

אַ רגע בלויז איינע, אַ רגע אָן גאָט,
און טיף איז ס׳פאַלן — צו שאַנד און שפּאָט;
אַ בלויזע רגע — פאַר דורות אַ קלאָג,
אבלען וועלן דײַן נאַכט און דײַן טאָג.

אָן דיר

אָן דיר איז נישטאָ קיין טאָג,
די זון — אַ פאַרלאָשענע קויל;
די פרייד, אָן דיר, איז פאַריתומט
און ביטער די זעט אין מויל.

אָן דיר כ׳בין בלויז אַ פּינטל,
פאַרלוירן אין רוים און צײַט;
צעריסן, אָן דיר, די רינג איז
פון דער גאָלדענער קייט.

די צײַט איז הויל אָן דײַן נצח,
אָן דורות־געקייטלטן גאַנג;
דורך עליות, עקדות,
אין קדושה־געזאַנג.

☆ ☆ ☆

סיני

ס׳ברענען סיטרא־אחרא פײַערן
פון חיי־רגע ווילזײַן און גענוס;
די קין־בלוטן לויערן פאַרטײַעט —
אַלע גדרים אויפצושפּאַרן.

נאָר די לוחות, די צען געבאָט
פון משהן, עבד אלהים, —
לײַכטן ווי דעם נביאס פּנים
פון סיני־פעלדזן ביז ווײַטסטער ראַנד.

די עשׂהס און לא תעשׂהס רופן
איבער דורות, צײַטן, לענדער;
ווידער און אויפסנײַ דונערט
סיניס אייביקער געבאָט.

זינגען

לידער פון זון און פון רעגן,
לידער פון פעלד און פון פריי;
זינגען און זינגען — נישט פרעגן,
זינגען און זינגען אויפסניי.

די זון שיינט אויף יעדן פרימאָרגן
און גאָלדיקט די אָרעמסטע שוועל;
זינגען און זינגען — נישט זאָרגן,
זינגען פון טרייסט און פון העל.

זינגען פון בלויען באַגינען,
פון שקיעה אין פורפור־רויט;
פאַראַנען אין אַלעם אַ זינען,
אפילו אין גרויזאַמען טויט,

וואָס קען נישט דאָס לעבן באַזיגן
אין אייביקן, גלייביקן גאַנג.
איבער אונדזערע פאַריתומטע וויגן
גייט אויף פונסניי אַ געזאַנג.

✡ ✡ ✡

מיט אײַך

אומעטום
ווו איך קום —
בין איך מיט אײַך.

דער זעלבער אויגן־גלאַנץ דער גליאיקער,
דער זעלבער גאַנג אומרואיקער,
די זעלבע היימיש־נאָענטע רייד,
דער זעלבער אומעט און די זעלבע פרייד.

דער זעלבער אומרו אומעטום,
דער זעלבער ציטער ווו איך קום.
פאַרהאַוועטקייט,
פאַרשמײַעטקייט,
פאַרשטילטער טרויער —
התלהבותדיקער דויער.

דאָ לעבט נאָך דער אַמאָל,
פאַראַן אַ קינדערשול,
אָט זאַמלט זיך אַ קרײַז,
מע פילפולט זיך נאָך הייס,
און פון אַ שולכל
קומט אויף אַ יידיש ליד,
כאָטש נעם און שטיי־צו
און זינג און פריי זיך מיט.

✡ ✡ ✡

אַ גרוס

אין אָנדענק פון יפה ווייַנרייַך

אַ גרוס דיר, מייַן שוועסטער, אין ווייַטן קיבוץ
אילת־השחר, נישט ווייַט פון ראש־פּינה,
וווּ ס׳גייט אויף דייַן לעבן אין ערלעבער מי,
וווּ האָסט דיר אַ זוניקע היים געפונען.

אַ גרוס דיר אַצינד, אין שעה פון נסיון,
ווען שׂונאס האַנט הייבט זיך אויף דייַן לעבן.
דורך טויזנטער מייַל, דורך הימלרוים בלויען,
איך גריס דיך און בעט דו זאָלסט מיר פאַרגעבן.

ווי ס׳האָט אונדז פאַרגעבן דער לייַבלעכער טאַטע
אין זייַן לעצטער שעה — די זינד פון אַמאָל,
אַזוי פאַרגיב, וואָס כ׳בין נישט מיט דיר איצט
און וויל נישט אַרויסגיין פון יאָמערטאָל,

און קען נישט פאַרלאָזן דעם גלות, די וועלט,
און קען נישט אויפגעבן דאָס יידישע לשון;
ס׳האָט דאָ, ווי דאָרט, זיך בלענדיק צעהעלט
דאָס ליכט פון פאָלק, וואָס וועט נישט פאַרלעשן.

☆ ☆ ☆

יידישע קינדער

פאַר די קינדער פון דער וולאַדעק־
פּרעוואַנטאָריע אין ברינוא, נעבן פּאַריז.

יידישע קינדער צעשפּילטע אין גרויסע זאַלן,
ס'איז אייַער געלעכטער — צום לעבן די בריק.
אין אייַערע אויגן, ווי אין רייַנע קוואַלן,
שייַנט ווידער אויף אונדזער פאַרלוירן גליק.

איר זייַט דער המשך פון טאַטעס און זיידעס
פאַרטריבן דורך רוצחים אין טויטן־גריבער;
פאַרבאָרגן אין אייַער אומשולדיקער פרייד איז
דאָס ליכט פון פאַרלאָשענע יידישע שטיבער.

וואַקסט זשע קינדערלעך, טייַערע יידישע קינדער,
ווי יונגע פלאַנצן — צו זון און צו לעבן;
האַלט טייַער דאָס יידישע וואָרט — אונדזער וווּנדער,
און זאָל מיט אייַך דער גאָלדענער פאָדעם זיך וועבן.

✡ ✡ ✡

חלוצים

כ'וועל זינגען אַ געזאַנג
פאַר די, וואָס האָבן פון יסוד געבויט,
פאַר די, וואָס האָבן קעגן טויט
אַרויסגעשטעלט זייערע יונגע ברוסטן.
דאָס בלוט, וואָס האָט אין הייסן זאַמד געפּלייצט —
איז אויפגעגאַנגען אינעם גאָלד פון ווייץ,
דער שוויס, וואָס גרונטן האָבן אייַנגעזאַפּט,
האָט אויפגעשפּראָצט מיט נייַער לעבנסקראַפט.
ס'איז שטאָלץ מיט זיי אַיעדערער פון פאָלק,
פון זייער גבורה וועלן דורות דערציילן
און ס'וועט אויף ליפּן טראָגן זיך דאָס ליד
פון יענעם דרייַסטן, שטורעמדיקן דור,
וואָס האָט דעם חלום אויסגעזוונגען —
אין צאַפּלדיקער וואָר.

מזל־טוב

פאַרוויקלט איז געלעגן שטיל דאָס קינד,
געבענקט נאָך מאַמעס נערנדיקער ברוסט,
די אייגעלעך צוגעמאַכט, ווי בלינד,
ס׳האָט נישט פאַרשטאַנען און געוווסט,
אַז באַלד וועט אַ האַנט פאַרקניפּן
זייַן גורל מיטן גורל פונעם שטאַם.
שטיל דרימלט ס׳קינד, אויף זייַנע ליפּן
דעם אומשולד־שמייכל זעט מען קוים.

בייַ טישן זיצן צוויי צענדליק יידן
און טרינקען אַ פריידיקן לחיים:
״לחיים! אויפגיין זאָל אין פרידן
ס׳לעבן פון אַ ייד אַ נייַעם!
מזל־טוב! זאָל ער וואַקסן גרעסער...״
נאָר ס׳שרייַט דאָס קינד אונטער גורל־מעסער.
די מאַמע ווישט אין דער שטיל די טרערן,
ס׳געוויין פון אייגן בלוט זי קען נישט הערן.

דער טאַטע מיט די סטאָלער־הענט געזונטע
גיסט אָן די כוסות, רופט און מונטערט
לחיים טרינקען. ס׳לויכטן די געזיכטער
פון דער עדה. צווישן זיי דער דיכטער,
מיט אַ תפילה, בלוי ווי דער קאַיאָר —
בענטשט ער דאָס קינד, דעם נייַעם דור.

✡ ✡ ✡

אויפֿן דעק פֿון דער שיף ״ישׂראל״

אין אָנדענק פֿון חוה שוואַרץ

שיין איז דער ים אין פֿרימאָרגן־ליכט,
מילד און אָפֿן זײַן רחבֿותדיקע פּרײַ;
ים־ווינטן גיבן אַ ווײי אומגעריכט,
פֿרישן מיך אָפּ מיט אַ זילבערנעם שפּריי.

זיס אין די אויערן — אין ריינעם עבֿרית —
פֿון יונגע מאַטראָסן קלינגט דאָס גערייד;
קופּערנע גופֿים פֿאַרברוינטע פֿון ווינט,
בלוי־ווײַסע פֿאָן אויף מאַסטן צעשפּרייט.

איז דאָס אַ חלום, לעגענדע צי וואָר,
דער פֿריידיקער פֿלאַפּל אַרום, בלבֿ־ים?
ביז דאָ האָט דערטראָגן די יידישע שיף
דער אוראַלטער חלום פֿון גאולת־העם.

וועמען דערציילן דאָ, ווער וועט פֿאַרשטיין?
ס׳האָט חזיון פֿאַרקליידט זיך אין פּשוטער שעה;
שיכּור בין איך בלויז פֿון מזמור־געזאַנג,
העכער ווי ים־רויש, בלאָער ווי הימלבלאָ.

✡ ✡ ✡

עמק החולה

דער עמק החולה, אין בונטע פאַרבן,
שפּיגלט אין סטאַוועס זיך. גילדענע גאַרבן
נייגן אין ווינט זיך ווי אין יוספס חלום.
אַ טראַקטאָר רוקט זיך פּאַמעלעך, ער ברומט
ס׳ליד פון ישובים גלילער, וואָס האָבן
אין באָדן פון עמק זיך פאַרגראָבן,
מיט מי און פרייד — די וויסט אויסגעלייזט.

דער ירדן פליסט דאָרט אין זיך אַ פּאַרטיפּטער,
ס׳וועקן אים קולות יונגע, צעשטיפטע:
אין קיבוץ עמיר, אין אַמפּיטעאַטער,
שפּילט מען אויס טוביהן מיט זיינע טעכטער.
ווייט הילכט אָפּ דאָס טרערן־געלעכטער
פונעם יונגוואַרג — פּויערים גלילער,
ביז אויף די בערג פון נפתלי די שטילע.

און ס׳היט דער הימל, געצונדן מיט שטערן,
מזלות פון אויפגאַנג און ווידערגעבערן.

✡ ✡ ✡

בת־ים

אין אָנדענק פון מערעלין פינקלער

בת־ים, אַ וואַסער־טאָכטער, אויפגעבליט
מיט הײַזער און געבײַען, ליכטיק־גרויס.
דער ים צופוסנס שלאָגט אויס ווײַסע וועלן,
די יונגשאַפט דאָ אַרום טוט קוועלן
אויף פנימער פון יונג און אַלט.

בײַנאַכט קומט אויף אַ ליכטערוואַלד,
ליכט פון הײַזער, אָפענע באַלקאָנען —
דאָ רוט אַ פאָלק נאָך מי און זונגלי
און אָטעמט פרײַ, מיט פולער ברוסט.
אויף טראָטואַרן — יונגשאַפט, לוסט,

קעפּ געקרויזלטע, פעך־שוואַרצע, העלע,
טריט צעזונגענע, פיזיק־שנעלע;
אוריס און אבנריס רוישן
אויף דער עברית־שפּראַך, —
מחנות אויפגעשטאַנענע פון תנ״ך.

☆ ☆ ☆

כ׳האָב דיך געזען

כ׳האָב דיך געזען, מײַן פאָלק, אין דײַן צער,
דאָרט, אין די שטעטלעך פון פוילן, וואָלין;
איבער די קעפּ פון די טאַטעס און זין
געהאָנגען ווי וואָלקנבראָך איז שוין דער גזר.

אין אויגן פון גוי, פון זקן ביז קינד, —
אַן אורוואַלד פון שׂנאה און בייזער שפּאָט;
דײַן שטאָלץ איז געלעגן צעטראָטן און גאָט
פאַרשטעלט האָט זײַן פּנים אין כמאַרע און ווינט.

באַלד איז געקומען דער גרויסער פאַרלענד,
די ערד האָט געציטערט, מ׳האָט אין איר טראַכט
עדהס געטריבן בײַטאָג און בײַנאַכט —
צום ווערן פאַרטיליקט, ווערן פאַרברענט.

עס ווײנט מײַן האַרץ אין שטומען געבליפּ,
געפּלעפּט איז פון דאַן געבליבן מײַן צונג;
אין אייגענע טרערן די פּען איך טונק
און ס׳שמאַכט דאָס וואָרט אויף טרוקענער ליפּ.

נאָר איצטער איך זע דיך אין זריחה־פּראַכט,
אויסגעגלײַכט, שטאַמיק — פון אַשן אַרויס,
געהייליקט אין פײַער, אין שלאַכט געגרויסט —
אַ שחר אַ נײַער, געשיילט אויס פון נאַכט.

נאָך יאָרן פון טרויער און אבל־געוויין,
וועלן משוררים באַזינגען דײַן גאַנג,
מעמק הבכא — צום טאָל פון געזאַנג,
מעתה ועד עולם, אמן ואמן!

☆ ☆ ☆

אויפן ים־התיכון

די נאַכט פֿאַלט צו אויפֿן ים־התיכון,
איך בין זיך מתיחד אין אַ ווינקל
און זע ווי ס׳נידערט די זון אין תהום
און ס׳צינדן זיך שטערן אין דער טונקל.

קלאָר און גראַציעז ווי דאָס לײַב פֿון אַ פֿרוי
איז ס׳בלויע וואַסער פֿון ים־התיכון;
דער הימל דאָרט — כּולו תּכלת און בלוי,
טרינקט מיט ליכטיקער יונגשאַפֿט אים אָן.

דאָס איז דאָך מײַן ים, דער ים הגדול,
דורך אים ציט פֿון דורות אַן אַלטער שליאַך;
די שטיינער און זאַמדן לענגאויס דעם ברעג,
זיי וואָלטן געקענט דערציילן אַ סך,

ווען ס׳וואָלט זיך געעפֿנט זייער שווײַגן,
וואָס גליווערט מיט סודות, טיף ווי די נאַכט.
ס׳האָט מיך דײַן כּישוף געפֿאַנגען, מײַן ים,
דעם אָטעם פֿאַרכאַפּט דײַן כוואַליקע פּראַכט.

די נאַכט פֿאַלט צו. צוויי איינזאַמע שיפֿלעך
לײַכטן פֿון ווײַט — פֿאַרלוירענע שטערן;
און שטיל איז דער ים, אַזוי מילד און שטיל,
מײַן שטומע תּפֿילה גרייט אויסצוהערן.

און שיין ווי אַ כּלה איז די יידישע שיף,
אויף היימישן ים איז גוט איר צו שוועבן;
ס׳טראָגן די שטערן פֿון אויבן פֿאַר איר —
די בּרכה פֿון לעבן.

✡ ✡ ✡

אהבת ישׂראל

מייַן האַרץ איז צעעפנט אין ליבשאַפט
צו אייַך, מייַנע ברידער,
פון פוילן, מאַראָקאָ, בראַזיליע,
בייַם האָדסאָן, דער ווייַסל און ווילִיע.
קוועקזילבער זייַט איר, אומרואיק,
טיף ווי די נאַכט אייַער טרויער,
גליאיק ווי זון אייַער פרייד;
כ'וואָלט אייַך דערקענט אין דער פינצטער
אין אויגנגלאַנץ, פּזיזהקען גאַנג.
כ'גיי נאָך אייַך — אַ שאָטן אַ טרייַער —
איבער גרויסשטעט פון דער וועלט
צו פילן דעם אָטעם פון אייַערע הערצער,
אייַער פרייד און ציטער — איז מייַן.
אויסגעגלייַכט איז אייַער רוקן געוואָרן
אין נייַע מקומות, מעבר לים;
זעקספּוסיק די זין, די טעבטער ווי לירעס.
די צונג איז פאַרפרעמדט, נישט דאָס האַרץ.
די שטערנס די ברייטע, ווי בייַ די זיידעס,
אין אויגן דער הונגער נאָך אמת — גאָטס וואָרט.

ס'איז נישט קיין ספק ביי מיר:
איר וועט ירושה פון דורות דערטראָגן,
סייַ דאָ, סייַ דאָרט, אין לאַנד באַנייַטן,
ווו ס'גיסן די הימלען מיט פייַערפלאַם
אין אָדערן יונגע פון אוראַלטן שטאַם.

☆☆☆

אין גליל

ווייַסע הייַזקעס גליען אין דער זון,
יונגעביימלעך בליען אַרום זיי;
עס זינגט די שטילקייט אינעם אַרום
שיר־השירימדיק אַזוי.

אַ וועלדל גרינט, צווישן באַרג און שטיין,
אַ ווייַסער זקן איז זייַן היטער;
און ווידער שטחים, וויסט און ליידיק,
אין זונפייַער צעגליטע.

און אָט איז דער כּנרת פון דער ווייַט,
ווי אַ פאַרכּישופטע פרינצעסין;
כ׳זאָמל איַין אין זיך זייַן וואַסער־בלוי,
כ׳זאָל זייַן שיינקייט נישט פאַרגעסן.

דאָס איז עס, ס׳בראשיתדיקע לאַנד,
עס טריקנט פון דער היץ מייַן גומען;
אַ נייַער ישוב פרישט מיך באַלד אָפּ
מיט בוים און בלי — געלויבט זייַן נאָמען!

ס׳איז נאָענט מיר אַלץ — און נייַ אַזוי,
ווי אַ קינד כ׳גיי אַרום, טו לערנען;
כ׳וואָלט געלייגט זיך רוען אויף אַ שטיין,
ביז ס׳וועט דער הימל זיך צעשטערנען.

אַזוי געלעגן איז יעקב אין פעלד,
ס׳האָבן אין אים געברענט די בלוטן,
ווען ער האָט מיטן שטיינערנעם אַרום
אַ בונד אַן אייביקן פאַרשניטן.

✡ ✡ ✡

נעמי

אויף פעלדער פון מואב
ווייעט הפקר דער ווינט;
עלנט גייט דאָרטן נעמי,
אָן אַ מאַן, אָן אַ קינד.

זי גייט קיין בית־לחם
פון ווייסטער פרעמד;
ס׳האָט גאָט זי געשלאָגן,
זייַן צאָרן פאַרלענדט

האָט איר מאַן אלימלך,
די זין אירע צוויי
און געלאָזן זי איינע
אין טרויערוויי.

ווי אַ בעטלער געבויגן,
אָן אַ היים, אַ שוועל;
און אַ ביטערניש הויערט
אין איר צעריקער זעל.

רופט איר מער נישט נעמי,
רופט איר מרה אַצינד,
ווייַל פון שאַנד און צער
איז זי גרוי שוין און בלינד.

ביַי איר זייַט גייט רות
ווי אַ שטילע לאַם,
אירע אויגן לויכטן
ווי פּערל פון ים.

און זי פליסטערט, בעט
אין אַ שטיל געוויין:
„אָ נעמי געטרייַע,
נאָר מיט דיר כ׳וועל גיין.

ווּ דו וועסט אָנקומען,
וועט גרײַכן מײַן טראָט;
דײַן פֿאָלק איז מײַנס
און דײַן גאָט — מײַן גאָט.

ווּ וועסט רוען אַ מידע,
וועל איך זײַן בײַם זײַט;
בלויז אין פֿינצטערן קבר
וועלן מיר ליגן צעשיידט".

ס'האָבן טרערן געדימענדט
אין אירע שוואַרצאַפּל
און איר לייב ווי אַביימל
אין ווינט האָט געצאַפּלט.

און נעמין איז פּלוצעם
אַזוי ליכטיק געוואָרן;
אַזאַ לויטערע ליבשאַפט
האָט פֿאַרשטילט איר צאָרן.

אוןביידע זיי האָבן
מיט טרייסט זיך צעהעלט,
אין מיטן פֿון וויסטן
ליידיקן פֿעלד.

☆ ☆ ☆

דער טויט פון פּאָעט

סע וויגט זיך דער ים
אין שטורעם־געוועט
און אויף דער שיף —
אַליין דער פּאָעט.

זײַן האַרץ — אַ זעגל,
וואָס פלאַטערט אין ווײַט;
אויף מדבר־וועגן
אַ מידער ער גייט.

געברענט האָט די שקיעה
אויף הייליקער וואַנט,
אין מיט פון וויסטן,
פאַרלאָזענעם לאַנד.

איז ער געפאַלן
אין ליימיקן שטויב,
מיט טרוקענע ליפּן
געפליסטערט אַ לויב

צו דעם באַשאַפער,
האַר פון דער וועלט,
פאַר לאָזן אים שטאַרבן
אין זײַן חרוב געצעלט.

די נאַכט האָט באַקרוינט
זײַן קאָפּ מיט שטערן,
דער ווינט האָט פאַרנומען
די תפילה, די טרערן.

און ווען פון נעפּל
אַרויס איז פאַרטאָג,
האָט אַ רײַטער
פון ווײַט אָנגעיאָגט,

און פון זײַן פערדס געטרעט
געפלאַצט האָט ס'האַרץ פון פּאָעט.

☆ ☆ ☆

עם ישׂראל

אויף אַלע ערדטיילן האָסטו שוין געהויזט,
ווונדער־וואַנדער פאָלק ישׂראל.
אין אַלע גערטנער האָסטו אויפגעבליט,
אַלע וועלט־שליאַכן געצייכנט מיט דײַן בלוט.
אין דײַן געפאַלנקייט ביסטו אַלץ נאָך גרויס,
און אין דײַן קרומקייט — אָן אַ בלייז.

אין אוראַלט האָט שוין אויפגעבליט דײַן רום,
דורך דורות ביסט אין פּײַן געוועזן גרויס,
אין פרײַהייט־שטורעמס האָסטו אויפגעברויזט;
ביסט דער עמוד־האש פון וועלט,
און וויפל ס'זאָלן פּײַניקער נישט צערענען,
וועלן זיי נישט איבערוועלטיקן!

מי כמוך, ווער קען גלײַכן זיך צו דיר,
אייביק פאָלק ישׂראל?
פון דײַן טיפעניש האָט אַרויסגעקוועלט
נבואה — דער ליכטגײַסט פון דער וועלט.
אויך איך, דער מינדסטער אין דײַן יחוס־קייט,
טראָג מײַן געשלאָגנקייט מיט פרייד.

נאָך אַלע טעג פון אַנגסט און שרעק,
דערהייב איך שטאָלץ מײַן נאָמען: ייד;
כ'שטיי בײַם ראַנד פון דײַן וואַנדערוועג
און קוש דעם שטויב פון דײַנע טריט.
און מײַנע ליפּן פליסטערן אויפסנײַ:
עם ישׂראל חי!

✡ ✡ ✡

ו.   ברויט און זוין

צוואַנציקסטער יאָרהונדערט

דאָס ליכט פון דער זון, די ווײַס פונעם שניי,
ס׳געזאַנג פון פרייד און דער ברונעם פון וויי;
ס׳געוויין פון געבוירן און פון געשעבט
פון ברודער מיט ברודער, פון האַר מיט קנעבט;
די אומשולד פון טאָג, דער זודיקער האַס,
וואָס פלייצט אין עטער און שוימט אויף דער גאַס —
יאָרהונדערט פון אָפּגאָט, דעם משחית־אַטאָם,
פאַרהאַלט זיך, בן־אדם, בײַם ראַנד פון תהום.

✡ ✡ ✡

דעם זין

וויפל מאָל כ׳האָב דורכגעטראַכט מײַן וואָר
און נישט געקענט ביז סוף דערטראַכטן;
כ׳האָב דעראַנט דעם זין בלויז זעלטן־ווען,
אין טונקעלע, איינזאַמע פאַרנאַכטן.

ווו איז מײַן וועג און ווו — דער באַשייד
פאַר מײַנע אומעטיקע יאָרן?
כ׳גיי פאַרהילט אין קלעממאַנטל פון לײַד,
כ׳ברען אויס אין אָנמאַכטיקן צאָרן.

אַמאָל דאַכט מיר: כ׳דאַרף פאַרשטילן זיך
ערגעץ, אין איינזאַמקייט אין שטומער;
בלאָנקען אויף אַ שאָטנדיקן וועג,
ווײַט פון גאַס־גערויש, טאָג־געיאָמער.

אַמאָל כ׳הער אַ קול: "אַנטלויף נישט, שטיי!
ס׳איז פול מיט לעבן נאָך דײַן אָרעם".
און ס׳ווילט זיך אויסשרײַען אַ געשריי:
"כ׳בין גרייט צום שטורעם!"

ברויט און זון

ווער ס׳בענקט נאָך אַ ברויט פון קימל
און ווער — נאָך אַ לייַוונטן קלייד;
ווער ס׳לעכצט נאָך אַ ברעקל הימל
און ווער — נאָך אַ טראָפּן פרייד,

זאָל זינגען מיט מיר אין איינעם,
זאָל טראָגן דאָס נייַע געזאַנג:
"ברויט און זון — פאַר יעדן איינעם,
ברויט און זון — אונדזער פאַרלאַנג!"

☆ ☆ ☆

בן־אדם

וועק אויף פון שלאָף זיך, בן־אדם,
פאַרשווּתפטער — מיט גאָט אַליין;
אין רחמים־קוואַלן אויסגעבאָדן,
אין ריינעם, גנאָדיקן געוויין.

קום אויף, פון באַשאַף דער שענסטער,
פון גרויער, האַרבער טעגלעכקייט;
עפן די פאַרשפאַרטע פענצטער —
פאַר אָנגעברייטער ליכטיקייט.

רייַס די ביטערגראָזן, דערנער
פון אייַנגעקוואַרטער יאָרנבייַט;
אויפגיין זאָלן די בראשית־קערנער,
וואָס זייַנען אין דייַן טיף פאַרזייט.

זיך באַנייַ, ווער יונג און יינגער,
דייַן האַרץ אַן אָפענע — אין פרייד;
דו ביסט דער פרינץ, דער באַזינגער
פון ערד, אין רוים און צייַט.

איך גלייב

כ׳גלייב אין ליכטיקייט, וואָס וועט קומען
כאָטש כמאַרעדיק זייַנען מייַנע טעג;
כ׳גלייב, כאָטש ס׳זייַנען שוין נישט איינמאָל
מייַנע טרוימען מיטן ווינט אַוועק.

כאָטש ס׳זייַנען שוין נישט איינמאָל
מייַנע חלומות אויסגערונען,
באַנייַט מייַן חלום זיך, מייַן גלויבן,
ווי דער זוניקער באַגינען.

☆ ☆ ☆

מענטשנקינד

זינג, מענטשנקינד, דייַן געזאַנג
מיט קראַפט, מיט דויער;
זינג פון לעבן און פון טויט,
פון פרייד און פון טרויער.

זינג, מענטשנקינד, און שאַף
יצירות שלמותע און נייַע;
גאָט אַליין זאָל מקנא זייַן
מענטשנקינדער פרייַע.

✡ ✡ ✡

וווּנדערשטאָט

וועסט נישט פֿאַרשטעלן, וווּנדערשטאָט,
מיט רחבות פֿון בולוואַרן און געבײַיען
די נויט,
וואָס נעסטיקט אין די הינטערגעסלעך,
אָרעמע האָטעלן, בוידעמשטיבער,
וווּ ס׳גייען מענטשן אויס
אין עלנט און אין קויט.

און אויסקויפֿן וועסטו נישט,
וווּנדערשטאָט,
מיט דײַנע מוזייען און סטאַטועס —
די שאַנד פֿון זונות,
אויסגעשטעלט אויף די בולוואַרן
אין פֿרילינגדיקן טאָג, —
צו פֿאַרקויפֿן אַיעדן
דאָס אייגענע יונגע לײַב.

☆☆☆

דער אַלטער קלאָשאר

וואָס טראַכט דער אָפּגעשליסענער קלאָשאר
בײַים פֿענצטער פֿאַרלייגט מיט שפּײַז און ברויט,
צי וועגן דער שפּע וואָס ליגט פֿאַרשפּאַרט,
צי וועגן אייגענער ביטערער נויט?

עס מאַכט איצט דער קרוע־בלוע קלאָשאַר
אַ חשבון אַ שטילן מיט זיך און וועלט,
אַרום אים דער ליכטיק־זאַטער בולוואַר,
פֿאַר אים — די שטאָטישע פֿרעמד און קעלט.

דער פרעמדער

כ׳לייען זײַן צער אַרויס
ווי פון אַן אַלטן בוך.
ער גייט און וואַקלט זיך
אין אויסגעדרייטע שיך.

כ׳גיי אים נאָך אַ ווײַל
און בעט בײַ אים פאַרגעבן:
כ׳בין שולדיק, פרעמדער מאַן,
פאַר דײַן פאַרשפּילטן לעבן.

✡ ✡ ✡

אויף די ראָגן

אויף די ראָגן אויסגעשטעלט
שטייען זיי,
מיט ליפּן רויט־געפאַרבטע
שמייכלען זיי
און מיט אויגן שיכּורע פון טרויער
ווינקען זיי —
צו דיר.

שוועסטער מײַנע,
ווער האָט אײַך,
אויסגעטוענע פון שאַנד,
אַרויסגעטריבן אין די גאַסן,
צו פאַרקויפן אײַערע יונגע לײַבער
יעדן דורכגייער, פאַר אַ פּאָר מטבעות?

כ׳וועל זיך ברודערן

כ׳וועל זיך ברודערן
מיט די לעצטע שבלעצטע,
די געבויגענע, וואָס גייען
עלנט און אַליין —
וועלן נאָענט מיר זייַן.

ווו נאָר אַ געפאַלענער,
ווו נאָר נויט און פּייַן —
דאָרט וועל איך זייַן.

✡ ✡ ✡

דער אָרעמאַן

וויפל מאָס פון ביטערניש און פּייַן
קומט אויס דעם אָרעמאַן אַדורכצוגיין;
פאָרכטן דאַרף ער וויפל מאָל אין טאָג
און שעלטן — זייַן מאַטערניש און פּלאָג.
ס׳ברענט די זאָרג ווי טריפנדיקער סם
און ס׳בייַטשט דער גאווה־קוק פון כאַם.
אָפט צינדט אין אים זיך אָן אַ כּעס
און פויסטן — אָנגעשטאָלט פון האַס.
ווי אַ חיה ווערט ער, בייז און שלעכט,
און ווידער אייַנגעבויגן, ווידער קנעכט.
ווי ס׳טוט וויי דעם אָרעמאַן די שאַנד —
מע ווייַכט דערלאַנגען אים אַ האַנט,
מע מייַדט אים אויס ווי אַ צרעת,
שאַרט ער זיך — אַ הונט אין גאַס.

דאָס ליד פון דער נויט

ווער איך זינגען דאָס ליד פון דער נויט,
זי איז אייביק, זי איז אוראַלט, די נויט;
אין מצרים האָבן קנעכט אויפגעבויט
פּיראַמידן, קאַנאַלן און ווענט —
וועל איך זינגען פון קנעכטישע הענט.

וועל איך זינגען ס׳געזאַנג פון דער נויט,
וואָס איז צאָרניק און שאַרף ווי אַ האַק,
ווען עס שטײַגט פון איר טיף אַ ספּאַרטאַק
און צעטרייסלט דעם סדום ביזן גרונט —
וועל איך זינגען פון נויט און בונט.

וועל איך זינגען דאָס ליד פון דער נויט
אין געבויגן־הכנעהדיקער שטיל,
ווען עס טריפט פון די אויגן איר טרער
און דער כוס ווערט פולער און פול —
וועל איך זינגען פון נויט אין דער שטיל.

וועל איך זינגען ס׳געזאַנג פון דער נויט,
וואָס האָט מיך פון וויגל באַגלייט,
געשפּרייט מיר אַ טעפּעך פון לײַד
און מיך געאיידלט, און מיך געשטילט,
מיט חלום געזעטיקט, אין טרויער פאַרהילט.

וועל איך זינגען דאָס ליד פון דער נויט,
פון דער נויט, וואָס איז איידל און דין,
פון נויט, וואָס איז גרוי ווי אַ שפּין
און פאַרשפּינט, מיט אומזעבאַרע שטריק —
דײַן גורל, דײַן לעבן, דײַן גליק.

✡ ✡ ✡

אין טראַמוויי־וואַגאָן

די פּנימער פון די מענטשן
אינעם טראַמוויי־וואַגאָן
זייַנען לידער,
געשריבענע מיט קנייטשן,
מיט שטריכן דינע אָדער האַרטע,
מיט אויגן־גלאַנצן צאַרטע.

פאַרשידנאַרטיק זייַנען זיי
וויביימער אין אַ וואַלד אַ פולן:
פאַראַנען הויכע און פאַרריסענע
און ביימער נידעריקע, שטילע;
ביימער ברייטע, סענקעוואַטע,
גוטמוטיקע און תמעוואַטע,
שטעכעדיקע, געל און גרינע —
פון אַלע מינים.

און ווי זיי זייַנען דאָ פאַרשידן —
פריידיקע און טרויעריקע,
צופרידן — אומצופרידן,
זיי זייַנען אַלע
מענטשן,
נאָענטע און לייַבלעך־אייגענע.

דער פרעמדער ביי דייַן זייַט
איז דיר אַ ברודער.
קוק אַרייַן אין זייַנע אויגן־אַפּלען
וועסטו דערזען —
זיך אַליין,
דייַן פאַרגעגלעך מענטשן־פּנים.

✡ ✡ ✡

אין שאַפּ

דער זייגער קלינגט און רייסט אויף
צום טאָג־געיעג און געלויף.
מען בײַסט איבער, אין געכאַפּ —
און גלײַך אַוועק אין שאַפּ.
דאָרט יאָגן מאַשינען צעברענט
און ס׳לויפן ווי שאָטנס די הענט
איבער לײַוונט און געוואַנט,
אָן אויפהער, נאָך אַנאַנד.

אין מיטן פון זשום און גערויש
רופט עמעץ דײַן נאָמען אויס,
ס׳שײַלן אַרויס זיך פון נעפּל —
צוויי אויגן, אַ קינדערש קעפּל.
גלײַך איז די זעאונג פאַריבער —
דער נאָדלשטאָך רײַסט זיך איבער.
מען פעדעמט אַפּגיך, צעטראָגן —
דעריאָגן מע דאַרף, דעריאָגן!
די זון שײַנט איבער די מויערן,
דאָ ווערט איר ליכט פאַרלוירן.
דאָס געלע לעמפּל טוט צאַפּלען
און זויגט — פון דײַנע שוואַרצאַפּלען.

בײַ מיטאָג זעצט מען זיך עסן,
לייענען אַ צײַטונג, פאַרגעסן
דעם ביטערן מצב, די שאַנד —
שקלאַפן אין גאָלדענעם לאַנד.

דער מאָטאָר צערוישט זיך, אַיעדער
איז צוריק בײַם געשטעל, די רעדער
טרײַבן אויפסנײַ מיט געבייזער.
ס׳רוקט זיך פּאַמעלעך דער װײַזער
ביז פינף אַ זייגער פאַרנאַכט —
דער שאַפּ װערט פאַרמאַכט.

ס׳האַרץ שװערט שטייניק, עס צוקן
די אַקסלען, מיד דער רוקן.
מען שטופּט זיך פון די רייען
אין אָנגעפּראָפּטע טראַמװײַען.
און ס׳דאַכט זיך, מיטן דרינען:
די שטאָט איז אַ שאַפּ, מיט מאַשינען,
װאָס דרייען זיך גיך און לויפן —
איבער גאַסן, איבער הויפן.

☆ ☆ ☆

מענטש־באַשאַפער

די האַנט פון מענטש־באַשאַפער
האָט אויסגעמײַסטרעװעט די ערד
מיט שטיינערנע און אײַזערנע געמעלן,
בריקן, װעגן און טונעלן —
אָדערן, אַרטעריעס און געװעבן,
װוּ ס׳קלאַפּט דער פּולס פון לעבן.

☆ ☆ ☆

נאָך דער אַרבעט

פאַרנאַכט, ווען זון, מיט לעצט־גליאיקן צאָרן,
צינדט אָן די ווענט פון ציגל־געביַידעס,
פאַרפולן די גאַסן פאַרהאָרעוועטע עדהס
פון שאַפּ און פאַבריק, קעלער און גאָרן.

מיט העמדער צעכראַסטעט אויף שווייסיקע לייַבער,
מיט ליימיקע טריט, אָנגעגאָסן מיט שווערקייט,
און אויגן פאַרלאָפן מיט טעמפּער פאַרקלערטקייט —
פאַרכאַפּט זיי די גאַס, נעמט ווייַטער טרייַבן.

פאַרשטיקט אין וואַגאָנען, מיט לייַבער נאַסע,
ווער בלעטערט אַ צייַטונג אויף איינעמס אַקסל,
אַ צווייטער לעם אים, מיט אַ פּנים אַ וואַקסנס,
בליקט מאַט דורך דער שויב אַרויס אויף די גאַסן.

און ס׳דאַכט זיך: ס׳ציען, דורך גאַסן און וועגן,
צעשלאָגענע מחנות, פאַריאָגטע אַרמייען —
צופוס, אין אויטאָס, געפּאַקטע טראַמווייַען,
זיי איילן אַלע דער רונאַכט אַנטקעגן.

☆ ☆ ☆

צענטערשטאָט

צענטערשטאָט גאַסן פון דער מעטראָפּאָליע,
פול מיט לעבנס אויסגעקרומטע,
מיט סם אין בלוטן אָנגעטרונקענע,
אין ביטערן געראַנגל פאַר יעדן טאָג.

קומט אָוונט, לעבן אויף די גאַסן,
צעצונדענע מיט נעאָן־ליכטער;
דער דזשעז פאַרטויבט, אין אָנגערויכטע זאַלן,
מיט חיי־שעה פון שיכּרות און פאַרגעסונג.

פון בוידעם־שטיבער, קעלערס, לעבער
ציען צו דעם רויען נאַכט־ספּעקטאַקל —
סם־אַדיקטן, סדום־לייַט, אַלטע נואפים,
וועלפער־יונגען, ליידיק־גייער פון סובאָרביע

און, ווי צו מאַמעס, טעכטער אָנגעפּאַרבטע
אין שרייַאיקער פאַרשייַטקייט — אויף די ראָגן.

☆ ☆ ☆

רעוואָלט

אַ קלאַפּ־טאָן וועל איך מיט דעם האַמער,
דעם אָנגעשטאָלטן, פון מייַן עלנט,
די ווענט פון מייַן יחידישקייט זאָלן
פאַלן ווי די מויערן פון יריחו.

אַ שרייַ־טאָן וועל איך קעגן הימלען שטומע,
דעם ריבון און זיין פּמליה וועקן
צו דער גרויסער דראַמע, אויף דעם קייַלעך,
פון מענטש און פאָלק, בעל־חי און דומם.

רייַסן וועל איך אַלע בינדשטריק פּייַכטע,
ווי שמשון — אין אוממאַכטיקייט מעכטיק,
גאָט און מענטש זאָלן דערוואַכן —
אין אַ בונד באַנייַט.

פון וואַנען?

פון אַלע זײַטן פּלייצט די רשעות,
צעבראָכן ליגן אַלע געטער;
פון אומעטום שטײַגט דער אומגליק
און די האַק — האַקט און שמעטערט.

אויף אַלע פעלדער קראַקען קראָען
און מחנות בלאָנקען אין געוויטער
ווי סטאַדעס שאָף מבולבלע,
אָן פּאַסטעכער, אָן טרײַע היטער.

מאין, פון וואַנען וועט ער קומען
דער גואל און דער גוטער רעטער,
וואָס וועט אָנצינדן די הערצער
מיט רחמים אין שעה דער שפּעטער?

☆ ☆ ☆

צו די פאַרדאַרבער

שלאָגט, שעכט און פאַרדאַרבט —
איר וועט אַלעמען נישט טייטן.
נקמה־נעמער וועלן גערדײַען,
ברידער, זין און טעכטער, קאַמעראַדן.
ס׳וועט דער פרײַהייט־שטראָם אַ פלייץ טאָן
און פאַרשווענקען אײַער מאַכט און גלאַנץ.
פון די ברידער־קברים, אויפגעדעקטע,
וועלן בר־מיננס אײַך פּלאָגן,
טײַטלען מיט די ביינערדיקע פינגער,
מיט די אויגן־לעבער גלאָצן —
אײַך צום משפט רופן
און צום שאַנדסלופּ שטעלן —
פאַר אַלע לעבנס אײַנגעבראָכענע
אין מיטן פון זייער יוגנטבלי.

חצות

בײַנאַכט, װען ס׳שלאָפֿן די מענטשן,
דערװאַך איך פֿון װאַרעמען בעט,
אַלײן מיט מײַן פֿיבער און עצבֿות,
אין מיטן פֿון חצותיקער שפּעט.

אין מײַן האַנט אַ כּוס אַ רױטער
צו לעשן דעם צער מיט װײַן —
אױף מײַן צעטראָטענעם לעבן,
אױף װעלט װאָס האַלט בײַם פֿאַרגײן.

☆ ☆ ☆

קום, אױסלײזער

װי אַ בעטלער, װאָס שטײט בײַ דער טיר
און װאַרט אױף זײַן אָרעמברױט שטום,
אַזױ װאַרט איך און בעט אױף דיר:
קום, אױסלײזער, קום!

און מיט מיר שטײט אַ מחנה, אַ רײַ
פֿון בעטלער, בלינדע און קרומע,
און זײ ברומען פֿאַרשטיקט אַ געשרײ:
אָ, װען װעט ער קומען?!

די לײַבער אין װוּנדן און קרעץ,
בעטן אַ הײלונג און תּיקון,
און די נאַכטשרעק שלאָגט װי אַ בײַטש
איבער די נאַקעטע רוקנס.

און איך בײג זיך צוזאַמען מיט זײ
פּחדימדיק, אַנגסטיק און פֿרום,
און מיר ברומען אַ פֿאַרשטיקט געשרײ:
קום, אױסלײזער, קום!

אַ טאַנץ

הימל און כוואַליעס
און ווינטן.
און אונטן,
אין טיף
פון דער שיף,
גייט אַ טאַנץ,
גיך און גיכער
ווי אַ וויכער.

קלאַפּט די מוזיק
צו צום טאַקט
און ווערטער קנוילן
זיך ווי רויך,
אַרויף־אַרויף
אין דער הויך,
און ס׳פּלעכטן זיך
צונויף גערייד,
געלאַכן —
אין צען שפּראַכן.

דער ים האָט זיי
צונויפגעברענגט,
דער שטורעמווינט
האָט אָפּגעשווענקט
פאָראורטייל, האַס
פון דורות־לאַנג,
האָט אויפגעבררויזט
אַ געזאַנג
און זיך באַפרייַט
האָט אורפרייד
פון מענטשן.

☆ ☆ ☆

קינדער

וואָס ווייסן קינדער וועגן האַס,
אַ חבר — יעדעס קינד אין גאַס
און יעדערער באַנעמט, פאַרשטייט
דעם צווייטנס קינדערשע פרייד.

וואָס ווייסן קינדער וועגן וועלט,
ווען אַלץ איז שיין און צעהעלט;
נישטאָ קיין ראַסע, נאַציע, שפּראַך,
בלויז אַ שפּיל און בלויז אַ לאַך.

גאָט, גיב צוריק אונדזער צײַט
די ריינע קינדערשע פרייד,
דעם טעמפּן דור — גיב געפיל,
די אומשולד פון אַ קינדער־שפּיל.

✡ ✡ ✡

נישט אויף דעם

נישט אויף דעם האָבן מאַמעס געטראָגן
די צעריקע פרייד פון געבורט,
ס׳זאָלן ליכטיקע קעפּ פון די זין
פוילן אין גריבער פון מאָרד.

נישט אויף דעם האָבן דורות געשפּאַנט
אין זיגזאַגיק־פּאָרויסיקן גאַנג —
צו אַ טאָג פון גרויסן שגעון,
צו אַן אָפּגאָט — אַ שטאָלענער טאַנק!

ס׳איז די ערד מיט שפע פול
און מיט בלויליכט — דער באַגינען,
נאָר בן־קין גייט אום מיט אַ האַק,
שפּרייט טויט און רוינען.

דער ערדס געוויין

נייג צו דייַן אויער צו דער ערד,
וועסטו הערן אַ שטום געוויין;
דאָס וויינט אַזוי דער ערדקויל
אין אַנונג פון פאַרגיין.

און ווייסטו ווער עס הערט
דאָס פאַרשטילטע געוויין?
דער גוסס אויף זיין בעט
און דער פּאָעט.

✡ ✡ ✡

מען זאָגט

מען זאָגט,
אַז מען שלאָגט זיך ווידער,
מען שנייַדט, מע שעכט,
די טייַכן פאַרבן זיך אויף רויט,
רויט גראַמט אייביק זיך מיט טויט,
וואָס פאַרשלינגט און צעשטערט
אַלץ וואָס לעבט און אָטעמט
אויף דער ערד.

מען זאָגט,
שטאָלענע משחיתים קנאַלן,
מענטשן לויפן אום און פאַלן,
אויסגעמישט מיט בלוט און ערד.
רייַבסט די אויגן וואָס פאַרטרערט:
אַ בייזער חלום?

איז שוין דער סוף,
די גרויזאַם־האַרבע שטראָף
אויף דעם באַשאַף געקומען?
די שקיעה ברענט
אויף מערב־האָריזאָנט —
אַ שלעכטער סימן.

קריסמעס 1974

ווײַס איז דער אָוונט, שנייאיק־קלאָר —
די אומשולד אַליין, די מילדקייט אַליין;
פֿרעג איך: ווי שטימט עס
אָט די ווײַסע, בלענדנדיקע שײַן —
מיט לעבנס יונג־פֿאַרלענדטע,
מיט האַס־געהילך, מיט שטילן שלוכץ
פֿון מאַמע און פֿון יתום?

אָנגעזאָגט האָט דער ראַדיאָ־הילכער,
אַז אײַנגעשטילט האָט זיך הײַנט,
לכּבוד ניטל־נאַכט,
דער וויעטנאַמער ברידער־שלאַכט.

אין צפֿון אירלאַנד, אינעם אונטערגרונט,
טרינקען מענער אַ לחיים אויס
צום וואָפֿן־אײַנגעשטיל,
אויף אַ טאָג צי צוויי —
ביז דער קומענדיקער טויט־זאַוויי.

און דאָרט, אויף מזרח, אינעם אבֿות־לאַנד,
ווו מיכה און ישעיה האָבן אָנגעצונדן
וויזיעס ליכטיקע פֿון שלום, ברידערשאַפֿט,
וואַכן זין און מענער
אין מדבר־זאַמד, אויף באַרג־פֿעלדזן פֿון גולן,
גרייטע פֿאַר אַ נײַעם בלוטשניט.

דער שניי פֿאַרלירט פּלוצעם אין מײַנע אויגן
זײַן ווײַסע אומשולד־מראה;
ס'שרײַט אַלץ אין מיר אַ גרויס געשריי
אַקעגן מענטש און גאָט און זײַן יצירה —
פֿון ווײַסן שניי און טונקל־רויטן בלוט.

☆ ☆ ☆

דער זייגער שלאָגט

פאַרטאָן אין דעם טאָג־טעגלעכן
געלויף נאָך חיי־שעהן,
זיי זעען נישט דעם הוראַגאַן
זאַמלען זיך, באַדראָען.

די זעעוודיקע זייַנען אַלע
ווי געליימטע, אָן כוח;
די צונג איז זיי אָפּגעדאַרט,
עס שווידערט אינעם מוח.

ווו איז אַ נביא, וואָס זאָל
גאָטס האַרבע ווערטער ברענגען:
״דער מבול וועט אייַך אַלעמען
פאַרפלייצן און פאַרשווענקען!״

דער זייגער שלאָגט, ער וואָרנט אַלץ:
נישט לאַנג די צייַט געגעבן:
בן־מות דו, ווער אַ בן־חיים,
קלייב אויס דאָס לעבן!

☆ ☆ ☆

דאָס לעצטע געוויין

די שׂנאה האָט אַלץ צוגעגרייט שוין
צום מאָרדשפּיל דעם בלוטיקן, וויסטן;
נאָר אונדזערע ערלעכע הענט
ווילן קיין בלוט נישט פֿאַרגיסן.

עס שטייען משחיתים שוין גרייטע,
זיי וועלן פֿאַרלעשן די שטערן;
בלויז מיט אַ לעצטן געוויין
איז זיך געבליבן צו ווערן.

לאָמיר אַרויסגיין אין גאַסן,
באַלייגן די וועגן, שאָסייען;
זאָל אונדזער געוויין צעטרייסלען
אַלע וועלט־געביַיען.

די עופּהלעך קליינע און שוואַכע
טראָגן פֿאָרויס אין גאַנג;
און קאַליקעס, קראַנקע און זקנים
מיט תּפֿילות און פֿרומען געזאַנג.

מיט ליכטער מיט שוואַרצע געצונדן,
אין וויַיסע תּכריכים געקליידט;
אַזוי זאָל זיך ציען די פּראָצעסיע
איידער בן־אָדם פֿאַרגייט.

איבער לענדער און קאָנטינענטן,
איבער דערפֿער און איבער שטעט;
מיט זעלבער געוויין און יללה
און מיטן זעלבן געבעט.

ביז ציטערן וועלן די גרונטן
פֿון אונדזער פֿאַרמשפּטער ערד;
ביז ס'וועט די תּפֿילה די לעצטע
אויפֿגיין און ווערן דערהערט.

☆ ☆ ☆

דורות פון מאָרגן

אין אָנדענק פון אפרים סאָלאַזש

דורות פון מאָרגן, קינדער פון צוקונפט,
איר וואָס וועט קומען נאָך אונדזער פּיַין,
כ׳זע אײַך דורך נעפּל פון וועלט־קאַטאַקליזמען,
אויפגיין אין מחנות אין גלאָריקער שײַן.

צופוסנס פון אײַך — דער קנויל פון געשיכטע
וועט ליגן צעטראָטן, פאַרקרומט און געשענדט;
פאָרויס — דער טראַקט, דער ליכטיקער, העלער,
געמײַסטערט מיט מי פון צעזונגענע הענט.

אויסגעגלײַכט, שטאַמיק, מיט זון אין די אויגן,
וועט אײַער פריידיק געלעכטער צעקלינגען
איבערן ערדקויל, ביז טיף אין די הימלען,
ביז אייביקע דורות וואָס וועלן זיך רינגלען.

☆ ☆ ☆

ז. דער ליכט־אוצר

גוט־מאָרגן, זון

גוט־מאָרגן, זון!
כ׳גיי אַקעגן דיר
מיט אויסגעשטרעקטע הענט.
נעם און וועב מיך איַין
אין דייַן שטראַלנדיק געוועב,
פאַרברען די אומעטנעץ,
וואָס האַלט געפאַנגען מיך,
זויג דורך מייַן האַרץ
און הייל מיך אויס,
פרימאָרגן־זון.

☆ ☆ ☆

דער ליכט־אוצר

די זון זיפּט איר ליכט
דורך אַ זיפּ פון צווייַגן, בלעטער
און ס׳רינט איר שיין אַראָפּ
מיט גינגאָלד־שטראָמעלעך
אויף דער ערד.

און איך,
ווי אַ ווערעמל, אין גראָז פאַרנורעט,
וואַרעם זיך אין איר ליכט.
ליכטיק איז מיר פון געפינקל
פון ציטערדיקע שטראַלפעדעם
פון תכלת און פון גאָלד.

כ׳וועל ליגן שעהן־לאַנג אַזוי
און אייַנזאַמלען דעם ליכט־אוצר
און דעם הימלבלוי אין מיר,
ס׳זאָל מיר סטייַען
אויף אַלע טעג פון אומעט.

זוניקע קרוינען

נאָך טאָגיקן וואַנדער
אויף שטאָטישע ברייטן,
נעמט לעשן די זון זיך
אויף געסלעך ווײַטע.

זי זעצט זיך אויף שטיבלעך
בײַ שטאָטישע ראַנדן
און גילדט אָפּ די שײַבלעך
מיט שקיעה־גירלאַנדן.

שטעל אָפּ זיך אַ ווײַלע
אין אַ זײַטיקןווינקל
און זע ווי עס דימענדט
און זע ווי עס פינקלט

די גאָלד־רויטע שקיעה
אויף אַלט־קרומע דעכער,
ווי ס׳וועבן די שטראַלן
אויף בוידעמס און לעכער

דין־דינע געמעלן
פון ראָז און פון רויט —
אויף אָרעמע שוועלן,
אויף היימען פון נויט.

✡ ✡ ✡

אַ ליכט־רגע

ס'האָט אויפגעלויכטן פאַר מיר
אַ ליכט־רגע פון היילונג.
כ'בין געלעגן אַ געבונדענער
אין שטריק פון ווייטיק —
און פּלוצעם אַזאַ ליכטיקייט!

כ'האָב אויפגעריסן זיך
פון דער נידער
מיט באַנייַטע גלידער
און מיט געשטרעקטע הענט
געוואָלט די ליכט־רגע פאַרהאַלטן.

☆ ☆ ☆

פאַר מיר

געצערטלט האָט דער ביימער־בלי מייַן בליק
מיט רעגנבויגן פון פרילינג און פון גליק.
די ערד האָט אויפגעוואַכט, זיך באַנייַט
מיט לעבן, בליאונג און מיט פרייד.

די זון האָט זיך געשפּיגלט אין מייַן אויג,
דער וואַלד האָט ציטערדיק זיך פאַרנויגט
און ס'האָט דער טאָג געשטראַלט, געהעלט
פאַר מיר — דעם קיניג פון דער וועלט.

☆ ☆ ☆

אַ לויב

אין שטומער אַליינקייט
זינג איך אויס אַ לויב,
ווי דאָס שטילע וואָרקען
פון דער ווייַסער טויב.

ליכטיק איז דער טאָג,
און עס גרינט דער פליין;
ביסט ווי אַ כלה, וועלט,
הייַנט יונג און שיין.

☆ ☆ ☆

כולו זון

כולו זון, כולו שייַן און ליכט
איז דער זומערטאָג, נייַ־געבוירן,
אויסגעפיקט זיך פון דער קילער נאַכט
ווי אַ גאָלדן הינדל פון דער מאַמעס איי,
ווי אַ לאָשיקל, ערשט פון טראַכט אַרויס,
כולו אומשולד און וווּנדער
אויף דער נייַער וועלט אַרום.

☆ ☆ ☆

מײַן טאָג

דער טאָג איז לויטערהעל —
דער הימל און די ערד;
איך גיי אַרום און קוועל
מיט זונליכט, וואָס באַשערט

איז מיר צו באַזינגען
נישט איין מאָל און נישט צוויי,
ווען פון ווינטער־צוואַנגען
באַפרײַט קומט אָן דער מאַי.

טאָג מײַן, ליכטיק־העלער,
כ׳זינג אויס דיר אַ סאַלוט:
ביסט גאַנץ און שיין, אָן פעלער,
לויבן דיך איז גוט.

☆ ☆ ☆

פרילינג־ווינטלעך

מילדע פרילינג־ווינטלעך
שפּילן אויף מיט פרייד
אויף די גרינע סטרונעס
פון דער פרילינג־פּלייט.

דורך אומעט־טעג פון ווינטער
געוואַרט האָב איך דערויף —
זיי זאָלן ווידער צערטלען
מײַן יונג־מידן קאָפּ.

אָט אַזוי

בלויער וואַסערפלאַך,
הימל־ווייַסע העל;
יונגער זומערטאָג,
כ׳קוק אויף דיר און קוועל.

אָפן ביסט און ווייַט
מיט גראָז און בוים צעבליט;
ליבן וויל איך דיך,
ווידמען דיר מייַן ליד.

אָט אַזוי איך וואָלט
זאָל מייַן לעבן זייַן —
אָפן, זוניק־ברייט,
פרייַ פון שרעק און פּייַן.

יעדער טאָג — אַ סטראָף
פון אַ פריידגעזאַנג;
אָט אַזוי, ביז סוף,
זייַן זאָל לעבנסגאַנג.

☆ ☆ ☆

אין בלויען באַגינען

אין בלויען באַגינען איז שנייִדיק־קיל,
די בערג — אין קלאָרן קאַיאָר פאַרהילט.
מיט פייגל־געזאַנג פול איז די לופט,
שאַרף איז דער ריח פון גראָזן־דופט.
הויך אויף די בערג דאָרט הענגט אַ וואַלד,
אים צופוסנס האָט טאָל זיך צעפּראַלט.
דער וואַלד וויגט זיך און פליסטערט שטיל,
דער טאָל ליגט אין טעפּעכער גרינע פאַרהילט.
א ווייַסע כאַטע ווי אַ קינדערשע שיף
פאַרקלאַמערט האָט זיך בייַם ראַנד פון דער טיף.
דער קוימען — אַ הענטל געשטרעקט אין דער הייך —
שנירלט אַ שנור פון בלויווייַסן רויך.
באַלד איז פון בערג אַרויס די זון,
צעוויקלט איר ליכטיק־דורכזיכטיקע פאָן
איבער דער גאַנצער הימלישער הייך.
און ס'האָט מיר געדאַכט: די זון איז אַ טייַך,
ווו ס'גיסן זיך גאָלדענע שטראָמען צונויף
און ס'טראָגן די שטראַלן מיך אַרויף,
ווי ווינטן וואָס טראָגן צעשאָטענע זוימען —
אין לאַנד פון בלויע, ליכטיקע טרוימען.

☆ ☆ ☆

דער טײַך

איבערגעקערטע, ווי געזונקענע שיפֿן,
שווימען די הײַזער אין טײַכיקע טיפֿן.

סע בליען די ביימער אַראָפּ מיט די קעפּ,
די צווײַגן צעפלאָכטן ווי מיידלשע צעפּ.

עס זומערט אַ וועלט דאָ, אין טײַכיקן טאָל,
מיט וואַסער געבײַען פון לויטער קרישטאָל.

אוצרות פון גאָלד און פון שטערנליכט
ליגן פאַרבאָרגן, אַ שיכט אויף אַ שיכט.

פאַרנאַכט, ווען ס׳רינט די שקיעה גלוט
דורך די געוועבן פון ביימער ווי בלוט,

דעמאָלט קומט אָן די שטיל־שעה פון רו,
עס פאַלן די שאָטנס צום וואַסערפלאַך צו.

און ס׳מאַניעט דער טײַך, רופט און ציט
מיט סודות געהיימע, פאַרבאָרגענער מיט.

נישט איינער געבליבן איז שטיין פאַרגאַפט,
ווי ס׳וואָלט אים דער טײַך מיט בלינדער קראַפט

גערופן פאַרבײַטן די ערדישע וואָר —
אויף כּישוף־פּאַלאַצן פון לויטער קרישטאָל.

✡ ✡ ✡

אין וואַלד

כ׳וועל אויסטאָן זיך פון אַלע זאָרגן
און אַרייַנגיין, אין זומער־מאָרגן,
אין וואַלד. דאָרט, ביַי אַ גרינעם קוסט,
וועל איך רוען, אָטעמען מיט פולער ברוסט,
פאַרנעמען אין דער שאָטנדיקער שטיל
יעדן שאָרך פון וואַלד, יעדן פויגלטריל.
דאָרט איז איטלעכעס פּיצל ערד באַזונדער
פול מיט בראשיתדיקן וווּנדער.

די זון, אין ראַם פוןביימער אַ באַצירטע,
שיקט ליכטשטראַלן אַרויס קאָלירטע
און גילדעט אָפּ דאָס גרינע גראָז.
אַ ווינטל גיט פון ערגעץ־ווו אַ בלאָז.
שטיל שאָרכן די בלעטערדיקע צווייַגן,
פון ווינטערן צעקאַרבט און אויסגעבויגן.
און לעבן אַלטע, ברייטע שטאַמען,
ווי קינדער ביַי דער זייַט פון מאַמע,
וואַקסן ביימלעך יונגע, ווייכע,
פאַררייַסן זייערע צווייַגלעך אין די הייכן.

און גרעזעלעך — טוי און דינער זייַד
שאָקלען זיך מיט כוונהדיקער פרייד.
דאָרט לויפן אַרום מוראַשקעלעך,
פריילעך־פינטלדיקע לעבנדלעך;
גאָט שפּייַזט זיי אַלעמען און נערט.
אויף זייַן גוטער, גרינער ערד.

☆ ☆ ☆

פרילינג

דער פרילינג טריפט מיט בלויען ווייַן
טיף אין מייַן האַרץ אַרייַן.

אָנגעטרונקען איז מייַן גוף
מיט דער קילער, קלאָרער לופט.

כ׳גיי איבער גאַסן, איַין און אויס,
ווי כ׳וואָלט פון תפיסה־הויז אַרויס

און דערזען נאָר־וואָס דעם בלאָען רוים.
כ׳בין אַצינד אַ באַנייַטער בוים,

וואָס האָט דערפילט, נאָך ווינט און שלאַקסן,
אין זיך די גרויסע פרייד פון וואַקסן.

איבער שטילע גאַסן, שעהן־לאַנג,
וועל איך שפּאַנען, ברומען אַ געזאַנג,

אַ געזאַנג פון פרייד און פון טרערן —
צו דער בלאָער פרייַ, צו די ווייַטע שטערן.

☆ ☆ ☆

אין טעג אַזעלכע

אין טעג אַזעלכע העלע
גיי איך פּוסט און פּאַס
און רו זיך אָפּ אויף שוועלן
ערגעץ אויף אַ גאַס.

די זון שייַנט אין די אויגן
און וואַרעמט מיר דאָס בלוט;
און כאָטש איך גיי געבויגן,
העלט אויף אין מייַן געמיט.

און זע איךביימלעך שטיין
צעגרינט מיט פרישן בלי,
דערפיל איך ווי עס טייַעט
אויף די פרייד אין מיר.

זון און שנײ

די זון שײַנט פון אויבן,
אונטן בלענדט דער שנײ;
אין מיטן, אַ פֿאַרגאַפּטער,
איך אַליין גײ.

סע טרינקען מײַנע אויגן
דעם בלענד פון זון און שנײ,
די אַקסלען ווערן גרינגער,
ווי ס׳וואָלט אַראָפּ פון זײ

פון מאַטע טעג דער עול,
פון גרויקייט און פון באַנג;
אונטער שנייען צײַטיקט
אַ פרילינגדיק געזאַנג.

☆ ☆ ☆

ליכט פון חסד

דאָס ליכט פון טאָג פלייצט דורך מיר,
ס׳וועקן אויף די היילנדיקע שטראַלן
טיף־פאַרבאָרגענע לעבנס־קוואַלן.

מילד און לויטער איז דער הימלווײַט,
ס׳איז די שעה פון חסד און פון ליכט
געקומען מיר אַקעגן אומגעריכט.

גאָט פון היילונג און פון ליכטשײַן,
נעם דאָס ליכט מיר נישט אַוועק —
ס׳וועט סטײַען מיר פאַר אַלע טרויערטעג.

ווי גוטע פריינט

נאָך טעג פון באַדויער און שוויַיגן,
נאָך נעכט פון באַשווערטן געמיט;
אַ שטיין אַ קילער דאָס האַרץ
און שטייניק דער חלום, דאָס ליד,

שיַינט אויף די זון, זי וואַרעמט,
דאָס ווינטל צערטלט מיך מילד;
איז גוט, אין זומער פאַרנאַכט,
זיצן אין רו איַינגעשטילט

און ליבן די זון, דאָס ווינטל,
וואָס גלעטן און היילן אַזוי;
ווי גוטע פריַינט זיי טרייסטן
מיט ליכט און מיט הימלבלוי.

* * *

די אָזערע

די אָזערע, אין מאַכטיקן צעגאָס,
רוט איַינגעשטילט
אונטער זוניק־בלויע געוועלבן.

די ברעגעס — רויערד, אויסגעריסן
דורך הענט אומזעבאַרע פון באַשאַף,
שטאַרן אין זונגלי, טריַיע היטער
פון די וואַסער־טיפן.

ס׳טרעפט, אַ מענטש פאַרבלאָנדזשעט דאָ,
בליַיבט שטיין דערשראָקן
ביַי די אָפּגרונטן, וואָס שווינדלען
מיט בלויע וואַסער־שפּיגלען.

באַלד טרעט ער אָפּ,
ס׳קען זיַין ווען ניט פאַרטראָגן
די אורשיינקייט, וואָס לויערט
און קען בן־רגע אים פאַרשלינגען.

צא ולמד

צא ולמד,
גיי אַרויס און לערן
אין גאָטס גאָרטן — די וועלט.

גיי אַרויס און הער
ווי ס׳שפּילן ווינטן
אויף צווייַגן פון גרינעביימער
ציטערדיק־דינע ניגונים פון פרייד.

נעם און גראָב אייַן
דייַן קאָפּ אין גראָזן־שויבער,
פאַרנעם דאָס געשעפּטש פון ברואימלעך קלענסטע
און זינג, אונטער צווייַגן־חופּות,
דייַן לויבגעזאַנג צו דער ערד:

„געבערערין גוטע, חומר פון אונדזער יצירה,
טראָגסט אונדז מיט רחמים איבער דייַנע פּלאַכן,
נערסט אונדז מיט מילך און מיט זאַפט פון דייַן שפע
און נעמסט אונדז צוריק אין דייַנע געדערים.
עס שפּראָצן די דורות נאָך יעדן פאַרגיי
ווי ס׳שפּראָצט דייַן לייַב מיט בליאונג פון מאַי;
זיי זינגען אַן אייביק געזאַנג־געוויין —
פון אויפגיין און פאַרגיין.״

איצט שייד זיך אָפּ פון דער ערד
און ווענד דייַנע אויגן צום הימל
און זע ווי ס׳טיפן אין אין־סוף
די בלוי־אויסגעשפּרייטע הימל־געוועלבן,
אויסגעזעצט און געדימענדט מיט שטערן מיליאָנען.

און זינג צו דעם, וואָס האָט אין די רוימען
ליכטער פאַרזייט — קאָסמישע טרוימען.

☆ ☆ ☆

אין וואַלדישן היכל

געלאָזט כ׳האָב צופוסנס דעם גאַסן־גערויש
און שלייַכנדיק בין איך אַרייַן פאַרנאַכט
אין שווייַגנדיק־טונקעלן באַרגוואַלד.
דאָרט זייַנען ביימער אָפּרו־געצעלטן
פאַר מידע גייער און טרוימער.

דער הימל — פון בלויען זייַד אויסגעשפּונען,
אַ וווּנדער־געוועלב, רונד־פאַרצויגן.
און איבערן וואַלד, מיט נאַקעטן צויבער —
אַ פולע לבנה פון מילכליכט געטאָקט.
אַ פויגל פליט דורך מיט דינעם געציטער
און פאַלט ערגעץ טיף, אין נעצן פון צווייַגן.

און איך בין געקומען אין וואַלדישן היכל
מייַן שטומע תפילה אין שטילקייט אויסשווייַגן.

☆ ☆ ☆

נימפעס

ווי נימפעס — וואַסער־טעכטער פונעם ים,
דרייַ יונגע מיידלעך באָדן זיך צוזאַם.

די פריע זון צערטלט זיי מיט שייַן,
דער וואַסערפלאַך נעמט גערן זיי אַרייַן.

ס׳גלעט אַ ווינטל אין כוואַליע־גערייַט,
די מיידלעך לאַכן לוסטיק און פאַרשייַט.

זיי טוקן אונטער זיך, מע זעט זיי קוים
און קומען אויף, אין שפּיל פון וואַסערשוים.

די נאַסע האָר צעלאָזן אין פריידיקן געצוואָג,
דרייַ בלאָנדע וואַסער־טעכטער ווי דער זומערטאָג.

אויפן שטילן וואַסערפּלאַך

אויפן זילבערפּלאַך פון וואַסער־שפּיגל
שווימט אונדזער שיפל ווי אַ וויגל.

דער זומערטאָג איז מלא וווּנדער
און מיר — הפקר־פרײַע קינדער —

טראָגן זיך אויפן שטילן וואַסערפּלאַך.
ס׳שנײַדט דאָס שיפל אַ שוימען־שליאַך,

פון ווײַטן גרינען ביימלעך, גראָזן
אויף פּיצל אינדזעלעך פּאַרלאָזן.

מעוועס פלאַטערן מיט ווײַסע פליגל,
שרײַבן ליבעבריוו אין הימל־עיגול.

☆ ☆ ☆

אָדע צו דער זון

די זון, דאָס פלאַמיקע ליכטאויג פון גאָט,
קוואַלט מיט לעבנס־וואַרעמקייט גענאָד.

אַ געבערמוטער איז זי פון לעבן, פרייד,
ווען איר היילנדיקע שײַן זי שפּרייט.

זי דערהייבט אונדז פון געפאַלנקייט צו מוט,
מיר זאָלן זינגען, אין פאַרגיין, „ווי גוט!״

ס׳האָבן שוין פּאָעטן לאַנג פאַר מיר
געזונגען זונלויבן, אָדעס אָן אַ שיעור.

אַזוי אייביק ווי די וועלט, ווי רוים און צײַט,
וועט זי ליכטיקן, באַנײַען קינד און קייט.

וואָס איז אייביק־נײַ?

וואָס איז אייביק־נײַ,
וואָס איז ליכטיק־שיין?
דער טאָג אין מאָרגנרויט,
די זון אין פאַרגיין.

וואָס איז אייביק־יונג
ווי לעבן און ווי גליק?
דער פרישער בלי איז יונג,
דער מאַי איז צויבערדיק.

אַ ליגן איז דער האַס,
די קרומקייט וואָס פאַרצערט,
ווען ס׳בליט און סע העלט
אויף גאָטס גרויסער ערד.

✡ ✡ ✡

אין חלום־פלי

כ׳שטרעק אויס מײַן געבויגענעם קאָפּ
און צוואָג אים אין זוניקער העל;
פון נידער גייט אויף דער ריח
פון פריש־געקאָסעטן פעלד.

אַ ווינטל פליט שטיפעריש־פרײַ,
שויבערט און גלעט מײַנע האָר;
די גוטע זון פון אויבן
שײַנט און שטראַלט ליכטיק־קלאָר.

כ׳פאַרמאַך די אויגן און שוועב
אין נישט־דאָיקן חלום־פלי —
אין אַ קיניגרײַך פון ליכט,
אין אַ וועלט פון שטראַלנגלי.

נאַכט

ס׳האָט שקיעה־שײַן דעם טאָג באַשטרײַפט,
ראָזע ליכטפּאַסן אין הימל אויסגערײפט,

ווי טײַכלעך, וואָס שלענגלען זיך פאָרויס
אין זאַמדיק־ווײַכער, בליענדיקער שויס.

באַלד איז די שײַן געוואָרן פאַרבנרײַך,
ס׳האָט אויסגעגאָסן זיך אַ פײַערטײַך,

הימלען האָבן זיך צעפלאַמט, צעברענט
מיט רויטע חופות איבערן האָריזאָנט.

נאָר ס׳האָט נאַכט, מיט טונקעלע וואַלן,
אויסגעלאָשן אַלע פײַער־קוואַלן,

דעם הימל און די ערד אײַנגענומען.
דעמאָלט איז דער ווינט אויפגעקומען,

געשאָקלטביימער־שפּיצן, אַרומגעשטיפט,
אין דער סומנער נאַכט זיי אַרײַנגעטיפט.

און ס׳האָבן צווײַג און בלאַט זיך צערעדט
אין אַ פאַרבאָרגן ביימערשן געבעט.

✡ ✡ ✡

פרילינג אויף דער וועלט

פרילינג אויף דער וועלט,
אַרום איז ליכטיק, פריַי;
די זון פון אויבן שייַנט
איבער אַלעם טריַי.

איבער פעלד און וואַלד,
איבער גאַס און שטוב;
יעדן וואַרעמט זי,
יעדן האָט זי ליב.

און זי רופט צו מיר
דורך דער קליינער שויב:
״קום אַרויס, מייַן קינד,
פון טוכלעקייט און שטויב״.

נעם איך און פאַרלאָז
די פיר ענגע ווענט;
נעם איך און צעפיר
ווי פליגל מייַנע הענט.

און איך פלאַטער, שוועב
אין דער זוניקייט,
לייכט און פריַי ווי
אַ פלאַטערל זומערצייַט.

☆ ☆ ☆

ביסט פֿאַראַן

און ווידער וועל איך זינגען אַ געזאַנג
פֿאַר דעם קלאָרן, שלווהדיקן טאָג,
פֿאַר דער זון, וואָס האָט אַזוי ליכטיק היינט
מיט אַלע גאָלד־קאָלירן זיך צעשיינט.
אין אָט דער שיין, אין דער רו —
זע איך דיך, פֿאַראַן ביסטו.
אין דעם ליכט, וואָס גייט אויף און פֿאַרגייט,
אין דער אומשולדיקער פֿרייד
פֿון קינד, וואָס שפּילט דערנעבן זיך
אויף דער באַנק,
אין דעם טרויער, וואָס מאַכט מיך קראַנק,
אין די טראָפּנס פֿרייד, נאָגנדיקן צער —
ביסטו פֿאַראַן, מיין האַר.

☆ ☆ ☆

ביינאַכט

ביינאַכט זיינען גאַסן ווי טייכן
פֿאַרגראָבן צווישן די מויערן;
דער ברוק — אַ פֿינצטערער שפּיגל,
ווו אַלץ גייט דאָרטן פֿאַרלוירן.

ס'לייכטן לאַמטערן ווי שטערן,
וואָס רופֿן דיך ערגעץ, פֿאַרפֿירן;
ס'שווימען אויטאָס אויף אַספֿאַלט
ווי שיפֿלעך פֿאַרביי אָן שפּורן.

און ס'איילן מענטשן און לויפֿן
נאַס און געצוואָגן פֿון רעגן;
ביינאַכט זיינען גאַסן ווי טייכן
און הייזער — ווי שטיינער־ברעגן.

פאַרנאַכט

אײַנגעהילט אין בלויער קלאָרקייט,
פאַרגייט דער טאָג אויף די פעלדער;
אַ בלענדיק־רויטער שקיעה־פלאַם
ברענט אויף שפּיצן פון די וועלדער.

אויף קרײַץ פון וועגן זאַמדיקע,
וואָס שלענגלען זיך אין די ווײַטן,
שטייט ישוע אַ פאַרלאָזענער,
מיט צוויי אָרעמס אויסגעשפּרייטע.

אַ פאָרכטיקייט נעמט דורך די וועלט,
בלחש וויגן זיך די ביימער;
סע ווערט די טונקלקייט פון אָוונט
פול מיט שאָטנס מיט געהיימע.

עס צינדן אָן זיך פײַערלעך,
וואָס לײַכטן פון דער ווײַט ווי שטערן;
אַ בראשית־שטילקייט נעמט דיך אײַן,
ס׳טיקן פון דײַן האַרץ קענסט הערן.

☆ ☆ ☆

טאָגפּאַרגיי

צווישןביימער גרין־צעבליטע,
אויף אַ שטילער שטאָט־אַליי,
שלענגלט זיך די זון — אַ טייַך,
אין פאַרנאַכטיקן פאַרגיי.

אין דעם טייַך פון גלוט און פייַער
שווימט דער זומערטאָג דאָרט אָפּ,
אין די כוואַליעס גאָלד און פּורפּור
צוואָגט ער אויס זייַן מידן קאָפּ.

אויסגעבאָדן און געצוואָגן,
שלאָפט ער איַין און פאַרגייט,
און די זומערנאַכט פאַרהילט אים
אין אַ טונקל־זייַדן קלייד.

און זי צינדט אים אָן צוקאָפּנס
לייַכטנדיקע זילבער־שטערן,
ביז ער וועט אויפסניי דערוואַכן
מיטן שייַן פון מאָרגנשטערן.

☆ ☆ ☆

דער רעגן

אויפן ברוק שפּילט דער רעגן לייַכט און בונט
און זייגט אָן דעם שטיינערנעם גרונט.

עס טוען ביימער זיך בוקן און בייגן,
שטרעקן גיריק די בלעטער און צווייַגן.

זיי וויגן זיך לייַכט אַהין־אַהער
און מורמלען פריידיק: מער נאָך, מער!

צעשפּילט זיך דער רעגן מיט האַסטיקע טענער
און ער צערווישט זיך נאָך שטאַרקער און שענער

און קוועלט אָן די ערד מיט הימלישע זאַפטן,
און פרישט אָפּ דעם טאָג דעם מיד־פאַרשלאַפטן,

און ס׳נעמט אָן די ערד זיך מיט נייַע כּוחות,
און ס׳ליבטיקט אַקעגן דער הימל־פּרוכת.

✡ ✡ ✡

זילבערנער פּלאַטער

אין זילבערנעם פּלאַטער וויגט זיך דער שניי
אויף פּראָסטיקע פליגל פון ווינט און זאַוויי.

און ס׳וועבט זיך אָן אויפהער אַ פּוכיק געוועב
אין זילבערנעם, דין־דינעם, ציטעריקן שוועב.

דער פּראָסט סקריפּעט ווייך אונטער די טריט,
מיט שנייקער ווייַס האָט די נאַכט זיך צעבליט.

און איבער די ליידיקע ווינטער־גאַסן
שטערנדלעך פינקלען, מיליאָנען־מיליאַסן.

און ס׳צויבערט די נאַכט, אַ בלענדיק־ווייַסע —
אַ כּישוף־מלכּה אין אַ קינדערשע מעשׂה.

אין שניישטורעם

שנייווירבל צעשויבערטער
זילבערט די גאַנצע וועלט;
סע שטייעןביימער דאַרינקע
ווי וועכטער אויסגעשטעלט.

זיי שעפּטשען אין קאַלטן מאָרגן
א שטיל געבעט און קלאָג:
"וויַיט נאָך צום יונגן פרילינג,
וויַיט צו אַ זוניקן טאָג".

שפּרינגען פייגל אויף ביימער
אויף דינע פייגלשע פיס;
זיי גלעטן די דאַרע צווייַגן
און טשוויטשערן אַזוי זיס:

"צווייַגן, נעסטן טיַיערע,
וויַיט נאָך צום פרילינג און לאַנג,
קומען וועט ער אָבער —
מיט בליאונג און געזאַנג".

אַזוי זינגען פייגל אין פראָסט,
ווען ס'פּאָכעט דער שניי מיט פעכער
און צירט אויס אין בלענדיקער וויַיס
די ביימער און די דעכער.

☆ ☆ ☆

שנייליכט

דער פרישער ווייכער שניי
ליגט אויסגעשפרייט פאַר מײַנע טריט.
כ׳טרעט מיט רחמים איבער אים,
ווי די תמימותדיקע בעלעמער לײַט,
וואָס האָבן שוינען אים זיך געמיט.

און די ווינטער־נאַכט אַרום
מילד איז ווי אַ ווײַסע לאַם,
און איך — אַ זינגעוודיקער תם;
אין אויגן — בלענד פון שנייליכט
און ס׳האַרץ פול מיט ווייליכט.

☆ ☆ ☆

ווינטערקראַפט

ס׳האָט דער ווינטער־מאָרגן
אַרײַנגעשײַנט אין מײַן פענצטער
און מיך גערופן: קום, באַוווּנדער
דעם בלאַנקען שניישימער אין דרויסן,
קום הער דאָס ווייכע סקריפען
אונטער דײַנע טריט.
ס׳וועט דער פראָסטווינט קרעפטיקן —
אַלע אברים און דײַן ליד.

☆ ☆ ☆

ווײַסער שניי

ווײַסער שניי, קלאָרער שניי,
אויסגעצירט די וועלט אויפסנײַ.

פֿאַלט און פֿאַלט אַ זילבערצוויט,
שפּרייט אַ טעפּעך פֿאַר די טריט.

בלענדיק־ווײַס איז דאַך און פּלויט,
צוגעדעקט מיט שניי דער קויט.

אייביק־יונג איז וועלט און נײַ,
ווײַסער שניי, קלאָרער שניי.

פֿרילינג צײַטיקט זיך דער בוים,
ווינטער בליט אַ ווײַסער טרוים,

הילט די וועלט אײַן מילד און טרײַ —
ווײַסער שניי, קלאָרער שניי.

☆ ☆ ☆

ווײַסשנייִק געזאַנג

דער קלאָרער שניי פֿאַרבלענדט
מיט אַ פֿאַרבאָרגענער שײַן;
דער הימל — אַ ליכטיקער שפּיגל,
נעמט אַלץ אין זיך אַרײַן.

סע גרוסן ווערטער מײַן ליפּ
ווי טויבן אין בלויען ליכט;
ווי אײַז וואָס טײַעט אין זון,
פֿאַרגייט זיך מײַן אויג אומגעריכט

מיט טרערן וואָס פֿינקלען ווי שניי,
טרערן פֿון פֿרייד און פֿון באַנג,
נשמה־טראָפּנס ריינע —
לויטער ווײַסשנייִק געזאַנג.

ווינטערס גזרן

אין מיטן פון האַרבסטיקן טאָג
שטייען ביימער אין טרויער־שווייַגן;
ס'פאַלט פון זיי דאָס בלעטערוואַרג,
דאַר און אבלדיק שטאַרן די צווייַגן.

אַזוי פיל טרויער הענגט
אויף די צווייַגן נאַקעט־דאַרע:
שוין אָפּגעבליט, אָפּגעזומערט,
זיי וואַרטן אויף ווינטערס גזרן.

☆ ☆ ☆

שפּערלען אין ווינטער

אַ סטייַע שפּערלען, אין שניי און קעלט,
ס'גרינע קוסטביימל איז זייער געצעלט.

זיי טשוויטשערן אַזאַ דין געשריי —
דער פראָסט זאָל נישטוערן, ווינטער זאָל פאַרבייַ.

דעמאָלט וועלן בליען בוים און קוסט און גראָז,
ס'וועלן שפּערלען טוען זיך אַ לאָז

אויף די ביימער־שפּיצן, אויפן שינדלדאַך
אין אַ פרייַ געטשוויטשער, פייגלשן געלאַך.

ס'דויערן שפּערלען דאָ אין לאַנגען ווינטער,
שניי און קעלט — זיי גיבן זיך נישט אונטער,

שוואַך דאָס גופל איז, פּיצעלע די ברוסט,
נאָר ס'איז היים דער אייביק־גרינער קוסט.

דאָ וועלן פייגלינגען אויפקומען און פליען,
נעסטן בויען, שפּייַזן זיך און מיען

אויף די ביימער־שפּיצן, דראָט און שטאַנג,
אין א פייגלש־פרייַ, זומערדיק געזאַנג.

ח. קרישטאָלענע טרערן

קרישטאָלענע טרערן

קרישטאָלענע טרערן אין אויגן,
דאָס האַרץ און געמיט פאַרקלעמט;
דער חלום פון פרייד — פאַרפלויגן,
געבליבן דער צער פאַרשעמט.

די האַנט פונעם גורל פאַרהוילן
טיילט אויס איעדן זיין לוין;
מיט פיס איבער גליאיקע קוילן,
איך שפּאַן — אין אַ דאָרן־קרוין.

די ליפּן אין תפילה־געפליסטער,
ס׳האַרץ אין געלייטער פון פּיין;
צי וועט אין דער שעה וויסטער
די רגע פון חסד אויפגיין?

☆ ☆ ☆

דער גוטער מענטש

דעם גוטנס וואָרט איז באַלזאַם־היילונג,
זיין אויג איז פול מיט רחמים־בלוי;
ווי שאָרך פון גראָזן — זיינע ווערטער,
זיי פאַלן ווי פרימאָרגן־טוי.

כ׳וואָלט לאַנג געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער,
זיך צוגעהערט צו זיינע רייד,
ביז ס׳וואָלט מיין טרויער צערונען,
אויפגעגאַנגען וואָלט די פרייד.

ערגעץ ווייַט

ערגעץ ווייַט פֿאַראַן איז אַ פֿרילינג
מיט געבלי, מיט זונשייַן, פֿרייד,
נאָר אַרום מיר — טריבער אָסיען,
די מאַטע זון פֿרי דאָרטן פֿאַרגייט.

ס'איז דאָס האַרץ אַ קראַנקער פֿויגל
אָפּגעווווינט שוין לאַנג פֿון פֿלי,
בלויז די הענט, זיי הייבן זיך נאָך
אַרויפֿצו — נאָך פֿרייד און מי.

כ'וואָלט אַ האַמער אויפֿגעהויבן
און געשלאָגן פֿונקען פֿון שטיין;
אין געשפּאַן פֿון טעג געבונדן,
גיי איך שטיל און קריץ מיט ציין.

וואָלט ציין־געקריץ זיך צעצונדן
אין אַ פֿלאַם־פֿייַערדיק געשפּריי
און מיר אַנטפּלעקן האָריזאָנטן
און אַ מאָרגנרויט אויפֿסנייַ.

וואָלט מייַן האַרץ שוין אייַנגעשטילט זיך,
געוווּסט, אַז נישט געווען אומזיסט
זייַנען טעג ווי דערנער דאַרע
אויף אַ פֿעלד, ליידיק און פֿאַרוויסט.

אַז די וועלט איז נישט קיין קרעטשמע,
ווו לית־דין און דיין — דער באַשייד;
כ'וואָלט דאַן שוין פֿאַר ליב גענומען
דעם לאַנגן וועג פֿון פּייַן און לייַד.

☆ ☆ ☆

אַרום

אַרום —
אַזוי פיל אָפּגעפּרעמדקייט, לקוי־שכינה:
הערצער אײַנגעפּאַלענע, חלומות אויסגערונען;
אַזוי פיל צער און צאָרן, אַזוי פיל לײַדן —
אומקרויטן אויף גרינע לעבנס־בייטן.

ווו נעמט מען טרייסטווערטער אַלעם צו טרייסטן?
גוטע רייד — אַלע ווונדן ווייך צו מאַכן?
די מילדקייט פונעם נוצרי דאַרף מען האָבן,
די אהבה פונעם בעש״ט פאַרמאָגן,
דעם טרויעריק־קלוגן שמייכל פון אַ בודאַ.

אַ שטיין ווערט אויך פון טריפטראָפּן צעגעסן,
דער האַרטער קערן — פון מילשטיינער צעריבן;
שטאַרק מיך, גאָט, מיט דײַן גענאָד, בטחון,
אַקעגן די פורעניותן, וואָס אָבער־ווידער
טוסטו שיקן, אויף מיר און מײַנע ברידער.

☆ ☆ ☆

איינער אַליין

אײַנגעוועבט אין נאַכט און רעגן,
איבער גאַסן, איבער וועגן,
וועל איך גיין, איינער און אַליין,
אויסטראָגן מײַן שטום געוויין.

טריפן וועט דער רעגן אַ ליד
מיט טרויער־טראָפּנס אין געמיט;
כ׳וועל זיך צוטוליען, אין באַדויער,
ווי אַ שיכור — צום קאַלטן מויער.

☆ ☆ ☆

שטאָלץ זײַ

שטאָלץ זײַ,
אויסגעגלײַכט, דערהויבן
אין דײַן געשלאָגנקייט, אַליינקייט.
מקדש זײַ
יעדע רגע צער, יעדן טראָפּן פרייד,
ווי סע קומט און ווי סע גייט,
ביז וואַנען ס׳שלאָגט דײַן האַרץ
און ס׳בליט —
דער הימל איבער דיר,
די ערד אונטער דײַנע טריט.

☆ ☆ ☆

איינזאַם

טראָפּנס בלוי און טראָפּנס אומעט
טריפן, ריזלען אין געמיט;
זיי באַפּרוכפּערן די האַרטערד:
אויפגיין וועט אַ טרויערליד.

קליין און דאַר ווי אַ ראַכיטיש
עלנט ביימעלע אין פעלד;
אַ געזאַנג פון בלויזן זיַין,
אַ געזאַנג פון טרויער און קעלט.

איינזאַם גייט אַ מענטש אַרומעט
אינעם דעמער פון פאַרנאַכט;
איינגעשטילט איז דער אומעט,
טיר און טויער צוגעמאַכט.

רגעס פאַלן ווי די בלעטער
אינעם האַרבסטיקן געשפּריי;
ערד און הימל שטומען טרויעריק,
שטומט ער מיט מיט זיי.

☆ ☆ ☆

מזלות

אָנגעקוואָלן איז דאָס האַרץ
ווי אַ שוואָם מיט רעגן;
די נאַכט — אין שאַרפן לויער,
וואַכט אויף טונקעלע וועגן.

רעיונות־נעצן בינדן מיך
אין אַ נאַכטיקן געפאַנג;
מזלות ווייַטע זינגען
אַזאַ קאַלט געזאַנג.

☆ ☆ ☆

עלנט

כ׳האָב אַ גאַנצן טאָג געבלאָנקעט
איבער פרעמדע גאַסן;
אַ געפאַנגענער אין נאַסע נעצן
פון אָסיענדיקן רעגן.

כ׳בין געגאַנגען אַ פאַרלאָשענער
און געזוכט אַ פונק,
וואָס זאָל מיך אָנצינדן,
און געזוכט אַ מענטש,

וואָס זאָל מיט גוטע רייד
אויפטייַען מייַן האַרץ,
וואָס איז, אין גרויסן צער,
פאַרגליווערט געוואָרן.

כ׳האָב געזוכט, אין עלנט,
עמעצן, וואָס זאָל אַ האַנט דערלאַנגען,
טרייסטן מיט אַ וואָרט, אַ בליק,
כ׳האָב געזוכט — און נישט געפונען.

אין דער לאַנגער נאַכט

אײַנגעקנוילט, אין צער און טרערן,
אין דער נאַכט דער לאַנגער ליג איך
און מײַן עלנטקייט פאַרוויג איך
ביז ס׳לעשן זיך די ווײַטע שטערן.

ס׳האָט אַן אשמדאי מיך פאַרשאָלטן
און געוואָרפן אין אַ כּף־הקלע,
ס׳זאָלן ווערן מײַנע טעג געלע
דערנער שטעכיקע און קאָלטנס.

ביידע וועלטן אָנגעווירן,
פון מענטש און גאָט אַ געפּרעמדטער,
גיי איך אַרום אַ געקלעמטער,
זאַט מיט באַנגשאַפט און באַדויערן.

און עס שווערט דאָס האַרץ פון וואַרטן
אויף דער חסד־שעה געגאַרטער.

✡ ✡ ✡

ווי לאַנג?

וואָס האָסטו מיך אַרויסגעפירט, גאָט,
אַ גלאַדיאַטאָר אויפן שלאַכטרינג,
כ׳זאָל בלוטיקן אין דער פאַרצוקונג
און פאַרצוקט נישט ווערן?

ווי לאַנג זאָל איך הייליקן
די בײַטש וואָס יסורימט מיך,
די טעג מײַנע ווי שוואַרצע קראָען,
כ׳זאָל וווּנדיקן און באַיאָען?

ווײַן פון יוגנט

אָנגעצויגן זײַנען סטרונעס
ווי אויף דינער מאַנדאָלינע;
אויפשפּילן וועט דערמאָנונג
ווי דער ווינט אין באַגינען.

יוגנט־לידער, פרייד־געזאַנגען
טויכן אויף פון די גרונטן,
ס'עפנט זיך דער זכּרון
ווי ווײַן־פּעסער אָן שפּונטן.

זאָל דער זיסער ווײַן רינען
און פאַרשיכּורן אין גאַנצן;
און די פליגל פונעם דמיון
ציטערן פון פרייד און טאַנצן.

אָפן זײַנען מײַנע אויגן
און דאָס האַרץ איז אויך אָפן;
עס ווילט זיך לויבן, גלייבן,
אויף אַ מאָרגן האָפן.

✡ ✡ ✡

ספר תהילים

ווען כ׳קום אַהיים בײַנאַכט אַ מידער
און פאַל אַוועק אין ווינקל אויף מײַן בעטל —
דעמאָלט עפן איך דאָס ספר
מיט געזאַנגען פון דעם קיניג דוד,
וואָס איז געלאָפן, פון שׂונאים אַ געיאָגטער.
דעמאָלט נעמט דאָס האַרץ אויפטײַען
און די אויגן ווערן פײַכט פון טרערן:
אָ ווי ס׳צערנט אַלץ די רשעות
און דער וויי באַלייט אויף אַלע וועגן.

און איך פליסטער שטיל אַרײַן אין ספר:
״מלך דוד, כ׳בין ווי דו געשלאָגן
און באַקרוינט מיט פּײַן און דערנער
און איך וואָגל איבער שטעט און לענדער
אין געלויף פאַר בייזן צערנער.
גיב מיר כּוח ווי דו צו גלייבן,
דעם וואָס איינציק־איז צו לויבן,
שטאַמלען זאָל צו אים מײַן תפילה
אין אוממאַכטיקייט אין שטילער״.

✡ ✡ ✡

ברויט און זאַלץ

וואַרף אַראָפּ פון זיך דאָס ביטערקלייד,
שייל זיך אויס ווי אַ פּלאַנץ אין זון,
פון דער שאָל פון לייַד.
זע: יעדער טאָג האָט אוצרות ליכט און לעבן
און דו גייסט אַרום דערנעבן
אַ געפאַנגענער, אַן אָפּגעפרעמדטער.

שעם זיך נישט, טו תפילה,
זאָל דאָס האַרץ אויפטייַען פון גליווער
און דאָס אויג זאָל איבערגיין, אַ פולע
מיט ביטער־זיסע טרערן.

האַר פאַרהוילענער, שׂר פון לעבן,
שטאַרק מיך, אָרעמען בן־אדם,
מיט ברויט פון פרייד און זאַלץ פון לעבן.

☆☆☆

גלוסט זיך דיר

אַז דאָס האַרץ שרומפּט אייַן אין דיר פון צער
אויף אייגענעם לעבן און געביין,
וואָס טראָגסט ווי אַ הונט טראָגט אין די ציין
זיין געפינס, דורך קלעפּ און געפאַר,

גלוסט זיך דיר לאָזן עס פאַלן אַראָפּ —
און לייַכט זאָל ווערן דער שווערער קאָפּ,
אייַנגעשטילט דאָס האַרץ וואָס פאַרקלעמט,
אויסגעלייזט פון וואָגל און פרעמד.

איוב

מיט אַלע פּגיעות שלאָגסטו מיך, מײַן גאָט,
כ׳זאָל הילן זיך אין טרויער, טאָג אײַן, טאָג אויס;
צי בין איך נישט אַ מענטשנקינד, ווי יעדער,
געטראָגן און געצערטלט אויף אַ מאַמעס שויס?

מיט אַלע פּרוּוון פּרוּווסטו מיך, מײַן האַר,
אין לײַבנגרוב דו וואַרפסט, אין פײַערבראַנד;
צי בין איך נישט פון בלוט און פלייש און הויט,
געקנאָטן און געפורעמט פון דײַן האַנט?

נישט אַנדערש, אַז מײַן טרערן־מינחה איז דיר ליב,
דער גליוועך פון מײַן בלוט איז דיר געזאַנג;
כ׳בין די קרוין פון דײַן יצירה, גאָט,
און דײַן בלוטנדיק געפּאַנג.

✡ ✡ ✡

צו דיר

ס׳רינט אויס די פרייד פון מיר
ווי פון אַ געשפּאָלטענער קרוג;
ס׳צאַפּלט מיין לעבן געפאַנגען
אין נעצן פון פּיין און באַטרוג.

דורך די נעפּלען פון טרויער
שטרעק איך די הענט צו דיר,
צו דיין ליכט און שלווה,
צו דיין חסד־באַריר.

מאַך גאַנץ, ריכט מיך אויף
פון מיין געפאַלנקייט, לייד,
כ׳זאָל שטיין ווי אַ דין ביימל
אין בלי ווידער־באַנייט.

☆ ☆ ☆

אַ תפילה

גיב רו מיר, גאָט, גיב רו.
מיין זעל איז געבראָכן,
פאַרקווילט איז דאָס האַרץ.
און כ׳גיי אום געפאַנגען
פון טרויער און פּיין,
פאַרליכטיק מיך, האַר,
מיט דיין רו, מיט דיין שיין,
כ׳זאָל קענען זיך פרייען
מיט מיין אָרעמען ברויט
און טרינקען דאָס ליכט
פאַרטאָג אין מיין שויב
מיט ליבשאַפט, מיט לויב.

טאָג מײַנער

טאָג מײַנער, געשאָנקענער,
לאָמיר זיך פֿרייען באַנאַנד,
טרינקען פֿון בלויען הימל,
זיך קוויקן מיט זאַפֿט פֿון לאַנד.

זון איבער ערד צעלויכטן
ווו נאָר דו ווענדסט דײַן בליק;
סע האָט דער יונגער פֿרילינג
דעם ווינטער פֿאַרטריבן, באַזיגט.

איין מאָל געלעבט, נאָר איין מאָל,
ס׳איז דײַן איינמאָליק געשאַנק;
כּל עצמותי זאָלן זינגען —
אַ לויב און אַ דאַנק.

☆ ☆ ☆

טראָפּנס

ווידער שפּאַן איך איבער גאַסן
אויפֿגעוואַכטע פֿרילינגדיק,
מיד פֿון טרויערן און צערנען,
מיד פֿון זוכן ס׳ווײַטע גליק.

ווידער שײַנט די זון פֿון אויבן
אויף דעם שטייניק־האַרטן ברוק;
ס׳טריפֿן טראָפּנס, בלויע טראָפּנס
אין מײַן כּמאַרעדיקן טאָג.

ווי שטיינער

ווי שטיינער הענגען מײַנע הענט
פון די אַקסלען, שווער און פרעמד;
כ׳גיי אײַנגעהויקערט און פֿאַרצערט,
שווערמוטיק און געקלעמט.

כ׳טראָג זיך ווײַטער אין דער נאַכט,
מיט מײַן שאָטן בלויז בײַם זײַט;
ס׳גלאָצן טירן צוגעמאַכט
און אַ קאַלטע, פרעמדע ווײַט.

☆ ☆ ☆

טרויער

פֿאַרוואָס פליִצט אין מיר דער טרויער
דורך די געוועבן ווי דורך זיפּן
און מײַנע טעג זיי גייען אונטער
ווי אויפן ים — זינקענדיקע שיפן.

פֿאַרוואָס טריפט אין מיר דער טרויער
טראָפּנווײַז, אָן אויפהער, מאָנאָטאָן;
ס׳ברומט אין מיר אַזאַ סומנער ניגון, —
אַ געזאַנג פון תהום.

אָ ווי קראַנק כ׳בין פון טרויער
און מײַן וועלט איז קראַנק מסוכן;
ס׳לעבצט אי בוים אי מענטש דאָרטן
אַזאַ לעבצעניש נאָך תיקון.

טעג מײַנע

זוניקער טאָג מײַן, ליכטיקער,
ווען וועסטו שוין אויפקומען?
גרייט איז מיין וואַכיק האַרץ,
ציַיטיק מײַן תפילה־דממה.

טרערן, זודיק־געזאַלצענע,
פײַכטן נישט מער די אַפּלען;
לעבן מײַן, קינד פון געוויטערן,
אין גורלס נעצן טוסט צאַפּלען.

טעג מײַנע, מידע און צעריקע —
בלעטער אין ווינטיקן אָסיען,
איר זײַט ווי נאַכטיקע שטערן,
וואָס פאַלן אין אָפּגרונט פאַרלאָשן.

איר זײַט ווי בלומען צעטראָטענע
נאָך איידער זיי נעמען דערבליען;
איינער אַליין, אַ פאַרשאָטנטער,
פאַר אײַך טו איך קניען.

☆ ☆ ☆

דער עפּלבוים

דער עפּלבױם
אין גרין־רויטן שלייער,
מיט גאָלדן־רונדע עפּעלעך באַצירט,
וויגט זיך רואיק אינעם לײַכטן ווינט,
צוואָגט זיך אינעם קלאָרן זונליכט,
גאַנץ מיט זיך און מיט דער וועלט.

ווי איך טו אים מקנא זײַן,
אַן אויסגעוואָרצלטער און צעקריגטער,
אַ האַרץ־באַשווערטער, טרינקענדיקער,
וואָס זוכט א רעטונגברעט זיך צו דערהאַלטן
ביז צום אומזיכער־מאָרגנדיקן טאָג.

☆ ☆ ☆

אין דעמער

כ'וואַרף דעם האַרבן יאָך
פון אַרבעטסטאָג אַראָפּ;
מיד פאַרגייט די זון,
מידער איז מײַן קאָפּ.

כ'צי אַראָפּ די שווערע
אָנגעשווייסטע קליידער
און פאַרשטיל אין זיך
דעם טאָג־רעש און האַרמידער

און שטעל זיך בײַם פענצטער
תפילהדיק־פאַרטראַכט,
אינעם אָוונט־דעמער
פון זומער פאַרנאַכט.

אין מדבר פון טעג

אין מדבר פון דורשטיקע טעג,
אין זונגלי, אין שׂרפיקער שײַן —
ס׳האַרץ איז אַ טרוקענער לאָגל
וואָס וואַרט אויף קוויקונג פון ווײַן.

ווּ זײַנען שאָטנס פוןביימער
און ווּ איז דער קוואַל פאַרבאָרגן?
ס׳ליגט דער טאָג אַ פאַרחלשטער,
פון ווינט און חמימה געוואָרגן.

אייביקער, קיינמאָל געזעענער,
שׂר פון לעבן, פון זײַן —
שלאָג אַרויס דאָס קוואַלוואַסער,
פיל אָן דעם לאָגל מיט ווײַן.

☆ ☆ ☆

תשובה

מײַן האַרץ האָט געכליפּעט, געצוקט האָט מײַן ליפּ
און געפּרעפּלט: פאַרגיב, פאַרגיב.
אַנישט —
מעק אויס מיך אין גאַנצן, מאַך מיך צו נישט!

און דער וואָס רוט איבער אַלעם און אַלץ,
ער האָט דערהערט ס׳געשריי פון מײַן האַלדז
און מיך געעפנט ווי אַ קוואַל
אין ריינעם וואַסערפאַל.

בעל־כּרחו

ב׳גוואַלד וועל איך זיך אַ כּוח אָנטאָן
און אויסברענען דעם טרויער פון מײַן לײַב;
בעל־כּרחו וועל איך זיך באַצווינגען:
גלייב!

☆ ☆ ☆

כ׳האָב צעזייט

כ׳האָב צעזייט
ווי קערנער איבער בײַטן
מײַנע טעג איבער דער וועלט.

אומעטום כ׳האָב געלאָזן
אַ טאָג, אַ יאָר, אַ פּיצל לעבן,
אומעטום כ׳האָב געליטן,
יענעמס לײַד אויך באַדויערט
און מיט גליק זיך געמיטן,
געטראָפן זיך מיט צער און טרויער.

כ׳וואָלט וועלן צוריקגיין אויף די וועגן,
אויפקלײַבן די ברעקלעך לעבן,
וואָס כ׳האָב אַלע ווײַטן אָפּגעגעבן.

☆ ☆ ☆

מײַן גאַנג

אייביק־נײַ מײַן גאַנג אַזוי איז —
מיט די אויגן צום הימל געווענדט,
דורך וואָלקנס און זון־בלענד
צום אין־סוף, דעם אייביקן סוד,
צום קוואַל פון לעבנס־גענאָד.

אייביק־נײַ מײַן גאַנג אַזוי איז —
מיט טויאיקער בענטשונג צו אַלץ:
צו דעם פעלד מיט שטילע בלומען,
דער שטערנאַכט אין איר שטומען
און דעם פשוטן ברויט מיט זאַלץ.

☆ ☆ ☆

ײנגל

קום אויף, מײַן פאַרבאָרגענער ניגון,
ניגון פון ליבשאַפט און לויב,
צווישן שטיינער־מויערן און שטויב
פון כּרך, וואָס דאָרט ביסטו גר,
קום אויף, מײַן שענסטער באַגער.

גוט וואָס ס׳זײַנען אין ערלעכער מי
טעג און יאָרן פאַרבײַ —
און דו ביסט נאָך אַלץ צעשויבערטער ײנגל,
ס׳חידושן אויגן און אַלץ איז דיר נײַ.

פריי זיך, ײנגל, זאַמל
דײַן פאַרמעג פון ליבשאַפט און לויב
ווי די בין איר בלומענשטויב,
ווי ווײַן זאָל פליסן ס׳בלוט אין געפעסן —
צו אַלץ וואָס פאַרגייט און ווערט פאַרגעסן.

געזאַנג צום זייַן

אַז ס׳האָט מיך אַ מאַמע אין אַ ווינטערנאַכט
געבוירן, געגערט, באַשיצט און באַהיט
און איבער דעם נייַעם לעבן געוואַכט,
ס׳זאָל געדייַען — ווי וויל און ווי גוט!

ווי וויל איז צו זייַן אַזוי ווי אַ פלאַנץ,
וואָס וואַקסט, אין זונליכט, און ווערט גרויס;
די טעג פון קינדהייט — אַ קאָלירטער קראַנץ
פון לעבן וואָס בליט אין אָרעמען הויז.

דערנאָך גיט דער גורל דיך אַ פאַרוואָרף
אין ווייַט פון וועלט, אין היימלאָזער פרעמד
און ציטערסט פון קעלט, וואָס שנייַדיק־שאַרף
און וואַלגערסט אין שטויב זיך אין איינציקן העמד.

און יעדער טאָג איז אַ ווילדער געפּעבט
מיט הונגער, וואָס נאָגט דאָס חיות ביז טויט
און שעלטסט דייַן געביין אין חושכע נעכט
און בעטלסט אין זונטעג אַ שטיקל ברויט.

ווען קריגסט דאָס ברויט אַרייַן אין די ציין,
קייַעסט עס לאַנג און שטילסט אויף אַ שעה
דעם הונגער וואָס ביטערט אין דייַן געביין
און זינגסט, אין הונגער: ביסט דאָ! ביסט דאָ!

ווי ווויל איז צו זיַין, לעבן און זיַין,
אַ חלק פון דעם וואָס איז אייביק און גרויס,
פאַרבונדן מיט ערד, מיט הימלישער שיַין,
מיט פאָלק און לאַנד, היים און הויז.

און כאָטש אָפטמאָל גייסטו אַרום אַליין
און ענג ווערן ווענט דיר פון אייגן הויז,
עלנט דער טאָג ווערט, שטאַר און שטום,
ווילסט פון דער אייגענער הויט אַרויס.

ווי ווויל איז צו זיַין עלנט און שטום
און ווערן געליַיטערט, און ווערן פרום,
קושן דעם טאָג און בענטשן די שעה
און מורמלען פריידיק: כ׳בין דאָ! כ׳בין דאָ!

☆ ☆ ☆

סם און האָניק

סם און האָניק — דאָס איז דער עליקסיר,
פיַין און פרייד, געטיילט מיט ברייטער האַנט;
כמאַרע־שוואַרץ און זונשיין טוישן זיך,
גן־עדנס פון גענוס און גיהנום־בראַנד

האָסטו אָנגעברייט, גאָטעניו, פאַר מענטשן
און פאַרגרונטעוועט אין בעל־יעבורדיקן חוק.
צווישן פרייד און טרויער, שפאָט און בענטשונג
הוידלט זיך, אַהין־אַהער, מיַין געשענקטער טאָג.

☆ ☆ ☆

דאָס בעזביימל

אַ יונג ביימל, רונד צעוואָקסן
און צעצווייַגט מיט בעז,
דופטיק־בלוי און לילאַ —
אַ בליענדיקער נס.

כ׳קען די אויגן נישט אָפּרייַסן,
ווען איך גיי פאַרבייַ,
כאָטש עס טרערן מייַנע וויעס
אין אייַנגעשטילטן וויי.

איך בן־אדם, אויסדערוויילטער
פון גאַנצן באַשאַף,
בין מקנא אָט דעם ביימל,
כ׳קוק אויף אים און גאַף,

ווי עס שטייט אַן אויסגעצירטע,
פרילינגדיק־דערוואַכט,
ווען איך זינק אין בלינדער עצבות
ווי אין טיפער נאַכט.

טייַער בעזביימל, באַשייַנטע
מיט פרילינגדיקן צוויט,
לויטער דורך מיט פרייד פון בליען —
מייַן שאָטנוועלט, מייַן ליד.

☆☆☆

ט. איידער...

נצח־חידה

נישט פאַראַן קיין רמז, קיין צייכן
פון יענער זײַט, פון אַנדערן זײַן,
בלויז די זון גייט אויף רעגלמעסיק
און פאַרגייט אין פורפור־רויטער שײַן.

און טאָג מיט נאַכט אין אַ געוועקסל
אין אומענדלעך־פליסנדיקער צײַט,
און רוים פון אַלוועלט אַ פאַרשטומטער,
מיט קאַלטער אומהיימלעכקייט פאַרוויט.

און דאָ גייט אום דער טויט — אַ שניטער,
שנײַדט אָן אויפהער, פיטערט אָן די ערד,
כאַטש נעם און שלאָג מיט קאָפּ אָן הימל
און שרײַ, ביז ווערן ווערסט פאַרצערט:

„דײַן שטומקייט רײַס אויף, כּבֿיכול,
דײַן נצח־חידה אַנטפּלעק, באַשייד!
זע: ס'ווערק פון דײַנע הענט טרינקט זיך
אין ים פון טרערן און פון לײַד".

☆ ☆ ☆

דער אַלטער מאַן

דער אַלטער מאַן —
אַן אָפּגעשיילטער און צעקאַרבטער בוים —
טראָגט זײַן שווערן גוף
אויף די געליימטע פיס שוין קוים.
זײַן נאַקעט־גרויער קאָפּ
באָמבלט זיך אַהין און צוריק,
ווי ער וואָלט געפרעגט בײַ יעדן:
"ווי נעמט מען, מענטשן, און מע פאַרלאָזט,
אָט סתם אַזוי,
אַזאַ ליכטיק־שיינע וועלט?"

דאָס בלוט אין אָדערן פרירט פון קעלט,
פון צײַט דער האַמער האָט אים פאַרטויבט,
יאָרצענדליקער פון מי און מאַטער
האָבן אויסגעזויגן אַלע לעבנסזאַפטן,
געלאָזן אים אַן אויסגעטריקנטן, פאַרשלאַפטן.
גייט ער צוריק פונעם יאַריד,
טראָגט דאָס ביסל לעבן מיט שווערע טריט,
מיט יאָרן פול, מיט לײַד און פרייד אַ זאַטער.

בלויז די אויגן זײַנע לײַכטן
און דאָס האַרץ איז וואַך אין דער שטיל.
די ליפּן שעפּטשען יעדן טאָג אַ דאַנק
פאַרן טאָגגעשאַנק.
נאָך אַ טאָג, נאָך אַ מעת־לעת,
נאָך אַ ברעקל לעבן, נאָך אַ רגע נס.

באַלד וועט די אחרית־נאַכט אַ פאַל־טאָן אומגעריכט
און שטערן אָנצינדן — טרויערליכט.

☆ ☆ ☆

אַ בייזער חלום

כ׳בין קראַנק געווען, געליגן צו בעט,
ס׳האָט מײַן מויל פון היץ גערעדט,
ס׳האָט מײַן גוף געפיבערט ווי אַ צווײַג אין ווינט
און מײַנע אויגן האָבן זיך געשלאָסן בלינד.
און ווען כ׳האָב די וויעס צוגעמאַכט,
האָב איך אַ געשטאַלט, שוואַרץ ווי נאַכט,
שטיין געזען איבער מײַן בעט.
פון שרעק האָב איך קוים אַרויסגערעדט:
— ווער ביסטו? וואָס ווילסטו פון מיר?
— איך בין דער טויט! כ׳קום נאָך דיר!
— איך וויל לעבן! לעבן!
האָב איך אַ געשריי געגעבן.
האָבן זיך געצויגן גרויליקע מינוטן,
אין אָדערן האָבן האַסטיקער געקרײַזט די בלוטן.
כ׳האָב געוויינט אָן ווערטער און אָן טרערן,
גאָט אַליין האָט מײַן געוויין געמוזט הערן:
— קוים אַכצן פרילינגס ציילט מײַן לעבן
און שוין דאַרף איך עס צוריק אָפּגעבן?!
דאָ האָט דער טויט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט,
כ׳האָב געווערט זיך, געשלאָגן הענט אָן וואַנט
און מיט לעצטע כּוחות אַ געשריי געגעבן:
— איך וויל לעבן!
און אין אַנגסט, אין שווידערשרעק —
זיך אויפגעוועקט.

☆ ☆ ☆

דאָס בוך פון לעבן

איך לייען דאָס בוך פון לעבן
אין איינלעניש, שטענדיקן געיעג.
ווי בלעטער, אויפגעמישט אין ווינט,
פלאַטערן מיינע טעג.

גיך וועט ס׳מעשׂה־בוך פון לעבן
קומען צו אַ סוף;
בלייַבן וועט אויף בלעטלעך פאַרגעלטע
מייַנס אַ סטראָף.

☆ ☆ ☆

פון דאָס ניַי

כ׳וואָלט מייַן האַרץ ווי אַ בלאַטער אויפגעריסן
און אויסגעלייזט מייַן גוף פון פייַן,
נאָר צוגענאָפּלט כ׳בין צום גרויען לעבן,
צום ערדיש־נעבעכדיקן זייַן.

און ווי איך פאַל — כ׳שטיי אויף ווידער,
הייב מייַן לעבן אָן פון דאָס ניַי;
טרייסט נעמט אייַן מיך ווי אַ גוטע מאַמע
און שטילט מייַן צאָרן און מייַן וויי.

☆ ☆ ☆

דאָס פלעמל

דאָס פלעמל, וואָס ברענט אין דער טיף,
צאָרניק און גלוטיק־רויט,
ווייַס וועט עס ווערן ווען אויסגיין
אין געצאַנק וועט דער קנויט.

דער בליק, וואָס פאַרהאָנגען פאַרשעמט,
ווי בייַ אַן אבל דער שפּיגל,
מילד וועט ער ווערן און קלאָר
אין ענגן, פּיראַיילעקן עיגול.

ס׳האַרץ, וואָס געפאַנגען פאַרקלעמט
ווי אין אַן אייַזערנער שטייַג,
רוען עס וועט אייַנגעשטילט
אין קלאָרוויַיסן, ריינעם געצייַג.

☆ ☆ ☆

ס׳האָט זיך געלוינט

כ׳וועל נישט ווי איוב, געשלאָגן פון פּייַן,
פאַרשעלטן דעם טאָג פון מייַן געבוירן;
איך וועל מייַנע טעג — אַ ווייפּולער קראַנץ —
דערטראָגן צום שוועל פון הימלס טויערן.

און רופן כ׳וועל — אַ געשלאָגענער קנעכט:
„עס האָט זיך געלוינט, עס איז גאָרנישט באַנג —
די פּלאָג און דער צער און דער האַרצוויי,
בלויז איין מאָל צו זען די זון אין פאַרגאַנג״.

זיקנה

גרויוויַיס און ריין דאָס קורצע בערדל,
אין אויגן זיַינע בלענדעט נאָך אַ שיַין;
אָפּגעלאָפּן זיַינען לעבנסיאָרן,
גייט ער שטיל אַקעגן זיַין פאַרגיין.

אַלע עולן ר׳האָט שוין אויסגעטראָגן,
אַלע ביטערנישן — געטרונקען ביזן סוף,
קושט אַ מילדער שמייכל זיַינע ליפּן,
וואַרט ער, שמייכלענדיק, אויפן לאַנגען שלאָף.

עפּעס איז פאַרבליבן צו פאַרריכטן,
עפּעס איז געבליבן נישט פאַרענדיקט;
עס מאָנט נאָך אַלץ אין אים שליחות,
ביז ער וועט אַוועקפאַלן אויף שטענדיק.

☆ ☆ ☆

ווידוי

אדם־נאַקעט שטיי איך פאַר דיר, בורא,
אויסגעטאָן פון אַלע חיי־שעהן
און איך בין מתוודה זיך אַצינדער,
אין דעמערשיַין פון פאַרנאַכט דעם בלאָען.

אָט אַזוי מיַין גאַנג געוועזן איז דאָ,
פזיזהדיק און פלאַקערדיק־געצונדן;
מיט הענט אויסגעשטרעקט נאָך זון און היילונג
פאַר די האַרצריסן און טיפע וווּנדן.

איצטער זאָל דיַין חסד־רעגנבויגן
אויפשטראַלן מיט רחמים־קאָלירן;
ווי אַ קינד ביַים האַנט פון זיַין טאַטן,
אין דיַין נצח־מלכות טו מיך פירן.

אייביק

אייביק, אייביק, אייביק
איז דער מענטש אין זײַן גאַנג;
אייביק, אייביק און גלייביק
איז דער קוואַל פון געזאַנג.

אייביק, גרויס און מאַכטיק
איז דאָס גאַרן נאָך גליק;
אייביק, ליכטיק, פּראַכטיק
איז די לעבנס־מוזיק.

אייביק און פאַרצערנדיק
איז דאָס פײַער אין ברוסט,
וואָס צינדט אָן די הערצער
מיט ליבע, לײַד און לוסט.

אייביק איז דער טרויער,
די דין־טונקעלע פלייט,
וואָס איר קומער־ניגון
אין די הערצער זי שפּרייט.

אייביק, אַלמאַכטיק — דער טויט,
דער שטרענג־גרויזאַמער האַר,
וואָס לייזט אויס אַיעדן,
דעם חכם ווי דעם נאַר.

☆ ☆ ☆

געוועזן אַ מענטש

צוגעציילטע, קאַרגע לעבנסיאָרן,
אין געראַנגל פאַרן זייַן פאַרווירטע,
אַלע טעג צום פּייַכטן קבר פירן,
ווי שאָף צום שלאַכטמעסער געפירטע.

אַלע טעג מיט ערגערניש און קומער
דורכגעפלאָכטן, נישט צום אָפּצוטיילן;
קורץ דאָס זונליכט פונעם לעבנס־זומער,
לאַנג, אָ לאַנג, די נאַכט פון די פיר איילן.

אומרחמימדיקע צייַט, כ׳בין דיר אַ שׂונא,
וואָס טרעטסט אַזוי איבער אַלץ און אַלעם,
וואָס דער ערדקייַלעך איז דיר אַ בוינע
און דער טויט — דייַן אייביק־שאַרפער חלף.

ווער האָט אויסגעטראַכט דאָס גורלות־שפּיל
אין דער אומענדלעכער צייַט און רוימען?
שטום ווי דער גאַנג פון די מזלות,
צאָרניק ווי דער ים אין זיין שוימען.

כ׳וואָלט געזעצט זיך אויף אַ שטיין צו קלאָגן
נאָך די צוגעציילטע טעג וואָס אַנטרינען,
נאָך די אַלע יאָרן וואָס פאַרגייען,
אָן אַ שפּור און זכר צו געפינען.

כ׳וואָלט אויף קיזלשטיין פון אַ הויכן באַרג
אויסגעדלאָטעט דאָרט אַ מענטשנס נאָמען:
ר׳איז געוועזן דאָ, זיך געפרייט, געליטן,
אָן שפּור האָט אים די צייט פאַרנומען.

☆ ☆ ☆

לוויות

אין אָנדענק פון שאול אָרענשטיין

לוויות, לוויות, לוויות —
אַ דור שרומפּט איַין און פאַרגייט.
צעפלויגן ווי פייגל־סטיַיעס
זיַינען טעג פון ליַיד און פרייד.

דער ארון שליסט איַין אויף שטענדיק
דעם גוף, אָן ריר, אָן אַ הויך;
דער ווּעקסל פון טעג איז פאַרענדיקט,
זיי זיַינען פאַרשוווּמען ווי רויך.

אַ וויַיב וועט דערמאָנען, גדענקען,
אַ קינד וועט שטיין־בליַיבן ביַים בילד;
די ציַיט ווי אַ טיַיך וועט פאַרשווענקען
אַ לעבן וואָס האָט איַינגעשטילט.

☆ ☆ ☆

דורות

שטאַרק און שטאָל דיַין דויער־ווילן,
האַלט זיך אָן אין לעבנס־פאָדעם;
ס'איז דיַין גורל אָט אַזוי שוין —
פון בלוט און פלייש אַ בן־אדם.

וועסט שטעץ פאָרכטן פאַרן מאָרגן,
דעם נעכטן דערמאָנען מיט באַנג;
אייביק וועלקן וועט די יונגשאַפט
אין דער זיקנה — מיד און קראַנק.

דורות ניַיע וועלן קומען
מיט ניַי געזאַנג און מיט מי,
ווי דער פרילינג אַ באַפריַיטער,
מיט ניַיע קנאָספּן און געבלי.

אין אַזאַ אָוונט

ס׳איז גוט צו ליגן אין זומער־פאַרנאַכט
און טראַכטן אַזוי זיך, אָן אַ פאַרוואָס,
פילן דעם טרייַען אָטעם פון ערד,
די דופטיקע פּייַכטקייט פון גרינגראָז.

די זון פאַרגייט און טונקעלער ווערט,
ס׳פּייַערט די שקיעה זיך אויס אין רויט;
די הייַזקעס אַרום — אין בלוי געהילט,
רוען אין שטילער שלווה פאַרטרויט.

אין אַזאַ אָוונט וועט קומען דייַן רײַ
אויף אייביק פאַרלאָזן היים און הויז;
וועסט רוען דאַן אַזוי ווי אַ קינד
שטיל־אייַנגענומען — אין ערדס שויס.

בלומען און גראָזן וועלן אויף דיר
וואַקסן און בליען אין פרילינג־צוויט,
צווייַגן און בלעטער, אין ווינטס באַריר,
פליסטערן וועלן דייַן ניגון, ליד.

☆ ☆ ☆

איידער

איידער מיַין טאָג ווערט נישט און פאַרגייט
און סופיק די שפּיל פון פרייד און לייַד,
ווילט זיך נאָך זען, ווילט זיך נאָך שפּירן,
פרימאָרגן־טויען און זעפּירן,
זון־שקיעות אין גאָלדענער פּראַכט —
איידער עס זאַמלט מיך איַין די נאַכט.

ווילט זיך נאָך לאַכן, דריקן אַ האַנט
און זיך פרייען מיט מענטשן באַנאַנד,
ווילט זיך נאָך שאַפן אַזוינס, אַזאַס,
ס׳זאָל קלינגען מיט דיר די שטאָט, די גאַס:
געווען איז אַ מענטש, אַ זינגער, ייִד,
געאַכפּערט ס׳לעבן מיט טאַט און ליד.

☆ ☆ ☆

אונטער די בלויע הימלען

אונטער די בלויע,זוניקע הימלען
שלאָפן די טויטע אין אייביקער רו;
שוין אַריבער די גרענעץ פון דאָזיַין —
לעבנס געווען און מער שוין נישטאָ.

זומער העלט זון מיט פלאַמיקע ליכטער,
אָסיענצייַט שלאָגט מיט ווינט און מיט רעגן,
ווינטערצייַט ווייען שנייען און אייַזיק
ליגן פאַרקאָוועט בית־עולם וועגן.

ס׳לעבן גייט אָן ווי געווען — פון אויבן,
אונטן — אַ וועלט פון צעפאַלונג שטומער.
ס׳נערט זיך די ערד מיט מאַרך פון די גופים
און ס׳בליען אויף קברים בלומען אין זומער.

ס׳וועט פֿאַרגיין

ס׳וועט פֿאַרגיין —
די ווײ און פֿרייד, דער ציטער,
שלווה־מאָרגנס, טעג פֿון בייז געוויטער.
אַלע שעהען, אַלע רגעס — אויסגערונען,
אויפֿגעלייזט פֿון זינען און אומזינען.

ס׳וועט פֿאַרגיין —
די אָנגעברייטע שעה וועט שלאָגן,
צי וועסט גיין אַקעגן שטיל, צי קלאָגן
אויף צערונענע חלומות און דערגרייכן
אין הבלדיקן קלעטער צו די הייכן.

אָ דאָס ליכט, די לעבנס־פּאַנאָראַמע,
די שטילקייט פֿון אַליינזײַן און די פֿרייד צוזאַמען,
די ליבשאַפֿטפֿולע נעכט די זאַטע,
טעג פֿון פּײַן און ספֿקות מאַטע
און די היים — אויסגעגאַן אין פֿײַער־צונטער —
וועלן אויפֿקומען ווי ווײַסע וווּנדער.

און באַדויער־געבעט נאָך פֿאַרצײַען —
ס׳זאָל די ערד מיט לעבן בליען און געדײַען.

☆☆☆

לידער פון לויב

לידער פון לעבן און לויב,
געזאַנגען פון גרויסן באַשאַף;
לידער פון דורות וואָס זײַנען
אין אייביקייט ווי אַ טראַף.

לידער פון זומער און האַרבסט,
פון שניי, פון ווינט און קעלט,
פון ים, יבשה און בערג,
פון רוים און צײַט, פון וועלט.

וואָס אַרט דיך, אַז ס׳לויפן טעג
פון לעבן — דעם נצח־סוד,
אַז ביסט זיך אַליין אַ חידה
פון ווײַטן, פאַרהוילענעם גאָט.

סע פלייצט זײַן ליכט אומעטום
און גילדעט דעם הפקרען שטויב;
זינג יום־יום, ביזן סוף,
לידער פון לעבן און לויב.

☆ ☆ ☆

דעם נצח אַקעגן

די גאָלדענע בלעטער פון ביימער
ליכטיקן אין האַרבסטיקן מאָרגן;
זיי שאָקלען זיך רואיק, און זיי איז
דער סוד פון יצירה פאַרבאָרגן.

איז גוט צו גיין אין זייער שאָטן,
ווען ס׳וועקן זיך אויף אין זכּרון
פאַרגאַנגענע טעג פון אַ לעבן,
און אָנשטרענג פון מיזאַמע יאָרן.

מיט זון אין די אויגן, און שאָטן
פון ביימער וואָס גרינען ביי וועגן,
גיי ווייַטער, זינג אויס דייַן ניגון —
דעם נצח פאַרשטילטן אַקעגן.

✡ ✡ ✡

י. אײנציק

פּראָדלען

ער און זי

ער איז הויך און שלאַנק,
מיט שוואַרצע האָר געדיכט,
זי איז יונג־צעבליט —
אַ רונד־רײַפע פרוכט.

ער איז הויך און פול
מיט יונגשאַפט און קראַפט,
זי איז שיין אין בלי
פון איר מיידלשאַפט.

זיי האַלטן זיך ביַי הענט,
די נאַכט הילט זיי טריַי;
ער אַ יונגער בוים,
זי — אַ רויז אין מאַי.

☆☆☆

בענק נישט

בענק נישט, יינגל, נאָך דיַין מיידלס האַנט,
נאָך איר טונקל־פיבערדיקן בליק;
וויַיט אַוועק איז איר שטאָט, איר לאַנד,
פאַרברענט זיַינען בריקן אויף צוריק.

בענק נישט, יינגל, נאָך דער זאַפטיקייט
פון אירע קושן, הייסע אָרעמס;
ס׳האָט אַ שטורעמווינט צעשטערט די נעסט
און א שׂרפה — אַלץ פאַרחרובט.

ערגעץ־ווו

ערגעץ־ווו, אויף אַ הויכן גאָרן,
אין אַ שטיבל ווײנט דאָרט זײַן שענסטע,
שלײַכט ער זיך פֿאַרבײַ אין פֿאַרנאַכטן,
אפֿשר וועט ער איר דערזען אין פֿענצטער.

אפֿשר וועט זי זיך אויפֿן באַלקאָן
דאָרט באַווײַזן אין אַ זומערקלייד,
אים דערזען און גרוסן מיט דער האַנט
מיט אַ ליבן שמייכל פֿון דער ווײַט.

ס׳יערט ווי ווײַן אין אים די בענקשאַפֿט
נאָך דער פֿאַרבאָרגענער געליבטער;
ערגעץ־ווו, איבער שטילע גאַסן
גייט ער אַרום אַ באַטריבטער.

✡ ✡ ✡

דײַן נאָמען

טויזנט מײַלן בין איך דורכגעלאָפֿן
דורך לויער און געפֿאַר, פֿײַער־וועגן;
כ׳האָב דיך אומעטום אין האַרץ געטראָגן,
אין אַנגסט און שרעק, אין ווינט און רעגן.

דער פֿײַנט האָט געטריבן אונדז אָן אויפֿהער,
שטאָט נאָך שטאָט האָט ער אײַנגענומען,
נאָר דו פֿלעגסט מיך אין געפֿאַר באַגלייטן,
אַ תּפֿילה כ׳האָב געפֿליסטערט — דײַן נאָמען.

פאַרגיב

בלוט פון מייַן בלוט און לייַב פון מייַן לייַב,
וואָס ביסט מיר אַ רעיה, אַ מאַמע, אַ ווייַב,
פאַרגיב מיר.

פאַרגיב מיר די גרוי פון דייַנע האָר,
פאַרגיב דעם עלנט, די ביטערע וואָר,
פאַרגיב.

✡ ✡ ✡

אין שטיבל

לייַכטשוועביק, מיט איידעלע קינדערשע טריטלעך,
דאס לייַוונטן קליידל ווי פליגל אין פלאַטער,
שוועבט אום דאָס קינד אין אַ שפּילעוודיק קרייַזל,
עס קוקן און קוועלן די מאַמע און טאַטע.

סע פילט אָן דאָס שטיבל אַ קינדערש געלעכטער,
די ענגשאַפט ווערט פּלוצעם אַזוי פרייַ און ווייַט;
אַ זילבערן פלאַטערל שפרינגט אום און פלאַטערט
און פול ווערט דאָס אָרעמע הויז מיט פרייד.

✡ ✡ ✡

מיט מײַן קלײנער

מיט מײַן קלײנער, מיט מײַן שטילער,
אין דעם וואַרעמען געצעלט,
שפּיגלען זיך אין אירע אויגן
ווי אין זון וואָס שײַנט און העלט.

טוליען זיך און וואַרעמען
אין איר אַקסאַמיטן לײַב,
שעפּטשען שטיל אין די אויערן:
"גוטע פֿרײַנדין, טרײַע ווײַב".

ס׳הודזשען ווינטן אין דרויסן
איבער אונדזער שוואַך געצעלט,
מיר אַליין און די ליבשאַפֿט
הויערט איבער אונדז און קוועלט.

היי, דו גאָט, האַר פֿון וועלטן,
היטער פֿון דער אײביקײט,
אין א חסד־רגע האָסטו
אונדז געשאָנקען זשמעניעס פֿרייד.

כ׳האָב דײַן גוף אַרומגענומען,
מײַן ציטערדיקער ערדקויל;
רינען זאָל ווײַן פֿון ליבשאַפֿט
און דער האָניק פֿון דײַן מויל.

☆ ☆ ☆

פרידלעך געצעלט

אין ענגע פיר ווענט פון קליינעם הויז
איז דאָ אַ צווייאיקע פרייד, גאָר גרויס,
ליַיבט דאָרט אַ טאָפּעלע זון און שיַין —
אַ וויַיב און אַ טאָכטער מיט איידעלן חן.
ס׳וויַיב האָט צוויי אויגן ווי פון סאַפּיר
און ליפּן פרישע ווי דער זעפּיר.
ס׳טרעפט, אַז זי שמייכלט, סתם אַזוי,
ווערט פול דאָס שטיבל מיט הימלבלוי.
און ווען די טאָכטער שוועבט אויפן דיל,
ווערט דאָס היַיזל מיט ליכט איבערפול.
פאַרמאַך איך די טיר אויף ריגל, קייט,
זאָל קיינער נישט שטערן אונדזער פרייד.
אין מיטן דער גרויסער, פרעמדער וועלט
שיַינט אונדזער אָרעם פרידלעך געצעלט.

✡ ✡ ✡

איינציק

ס׳ליגן מיַינע חלומות איבערגעקערט,
צעטראָטענע אויף פרעמדער ערד,
געבליבן ביסטו נאָר, מיַין עלנטע רויז,
אין דער שטילקייט פון אָרעמען הויז.
אָט זיצן מיר ביַים היימישן טיש,
דערמאָנען די יוגנט, דעם ערשטן קוש,
געווען עס איז מיט פיר צענדליק יאָר,
איצט זילבערן שוין אונדזערע האָר.
איינציק ביסטו מיר געבליבן, באַשערט,
איינציק צווישן הימל און ערד.

גרויע וועגוס

גרויע וועגוס, נישטאָ
צווישן חודש טעבטער אַזאַ ווי דו,
ס׳זאָל שייַנען איר געזיכט
מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און ליכט,
ס׳זאָל איר גוף, די גערונדטע ברוסט
צינדן אין מייַן לייַב אַזאַ לוסט.

כ׳נעם דיך אַרום, צום וויפלטן מאָל,
קוש דייַנע אויגן־וויעס, ס׳מויל.
אַ הייליקער אַלטאַר ווערט אונדזער בעט,
כ׳טרינק דיך ווי ווייַן, שיכּור איך רעד:
״נעם מיך, מייַן ווייַב, אין זיך אַרייַן,
מיר זאָלן, צווייאיקע, צוריק ווערן איינס,
ווי אין דער אורווייַט, איידער עס האָט
פון ריפּ אונדז צעשיידט דער אַלמאַכטיקער גאָט״.

☆☆☆

אין ליבשאַפּט

האָסט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר צוריק
מיט פיר יאָרצענדליק, ווי נעבכטן;
ס'פּנים — רונדיק, די אויגן — טיף,
די האָר אין צוויי צעפּ פאַרפּלאָכטן.

דער גוף — נאָר־וואָס צײַטיק און רײַף,
גרייט כּלה און ווײַב צו ווערן;
ווינטער געווען, ס'האָט געשימערט
דער שניי ווי לויכטנדע שטערן.

פון זיך אַליין האָבן די הענט
געטראָפן זיך ווי מאַגנעטן;
ס'האָבן די גופים און ליפּן
האַלדזן און קושן געבעטן.

באַלד האָט דער פרילינג זיך צעבליט
אויף וואַלדשטעגן אַרום דער שטאָט
און מיר אַליין, עדות נאָר בלויז
דער וואַלד און די נאַכט און גאָט.

דערנאָך, אין פראָסטיקן סיביר,
געלאָפן כ'בין דיך צו גרײַכן;
אַ יונגער הירש, וואָס יאָגט און שפּרינגט
איבער פליינען און באַרגהייכן.

אויף באַנסטאַנציעס כ'האָב דיך געזוכט,
גענעבכטיקט אויף וואָקזאַלן־טרעפּ
און נאָכגעפרעגט: "האָט ווער געזען
אַ מיידל מיט שוואַרצברוינע צעפּ?"

מיט וואָס האָסטו מיך, זאָג מיט וואָס,
אייביק פֿאַרכּישופֿט, באַשווירן?
געעפֿנט מיר, אויסדערוויילטן,
פֿון ליבשאַפֿט די טויערן.

ס'האָט אונדז דער גורל פֿיל געפּרוּווט
און גאָרנישט געצערטלט, געשוינט;
איך ליג און פֿליסטער נעבן דיר:
"געוועזן אַלץ באַשערט, זיך געלוינט".

כ'קוש דײַנע אויגן, ס'מויל, די האָר,
איך פֿאַרשפּיל דיך און כ'פֿאַרוויג;
ס'איז טײַער אונדז יעדע רגע
פֿון ליבשאַפֿט, טרויער און גליק.

☆ ☆ ☆

אינהאַלט

א. היים און פרעמד

ליל שימורים 7
אַנטלויפסט 7
געסלעך מײַנע 8
געזעגענונג 9
כ׳האָב אײַנגעזאַפּט 9
ווי אַ טרוים 10
שבת פאַרנאַכטן 11
צו אַ פּויליש ייִנגל .... 12 — 13
אַטוואַצק 14
יוגנט 14
איינער 15
חסידיש 16
אויף פּרצעס אַלטן מאַרק .. 17 — 18
מײַן יחוס 19
פון מײַן לעבן 20
זײַ מיר מוחל 21
מײַן טאַטע 22
בײַ אונדז אין שטוב .... 23 — 24
שטײַער־עקזעקוציע 24
צוויי ברידער .... 25 — 27
מאַמע 28
אַ מאַמעס בריוול 28
הונגער .... 29 — 30
אין פרעמדן לאַנד 30
מײַן חבר שטאַרבט 31
קירגיזיע 32

ב. דאָס געוויין פון מײַן היים

ביידע 35
שבעה 35
זעקס ליכטלעך 36
טרויער 36
העלפט מיר 37
וועלט אין 1942 37
נאָך טויזנט יאָר 38
הענט 38
יידישע טעבטער 39
אין יענעם טאָג 39
אַ משכון 40
אַזוי פיל לידער 40
אין צוג 41
און וואָס? 41
קען זײַן 42
אַז דער טאָג קומט אויף 42
כ׳בין אַ פּליט 43
אין מײַן היימשטאָט 43
ווען? 44
פאַרגעס נישט 44
דער בלאָער נומער 45
גדליה 46
אין קלויסטער פון בעלמנאָ 46
אויף געטאָ־חורבות 47
זכות אבות 48
דער ניגון 49
ווו זײַט איר געווען? 50
מיר און די וועלט 51
די לויצקערין 52
דאָס מעסער 53
פאַרטיזאַנער 54
גיי ווייס 55
דער לעצטער ייד .... 56 — 57
טויבן 57
אַזוי איז אַ יוגנט
פאַרגאַנגען .... 58 — 60
די לעצטע נאַכט .... 61 — 64
דאָס געוויין פון מײַן היים . 65 — 67
אויפן וואָקזאַל .... 68 — 69

ג. צו פרידלעכע ברעגן

האָפענונג 73
נאַכט־אַנטלויף 73
אויפן אײפּל־טורעם 74
על פרשת דרכים .... 75 — 76
דורך וואָלקנס 76
פליטים 77
ווּהין? 78
ווײַסע בריוו 78

מײַן טרוים ... 79
אונדזער קינד ... 79
וואָגליד ... 80
ס׳וועט קומען ... 81
דאָ ... 81
צו פרידלעכע ברעגן ... 82
אָט בין איך דאָ ... 83
געבענטשט לאַנד ... 84
אין אָנטעריאָ־פּלייס ... 84
פרעמדע גאַסן ... 85
מוסקאָקער פרימאָרגן ... 85
אין די לאָרענשנס ... 86 — 87
קאַנאַדע ... 88
היים ... 88
לאַ בעל קוועבעק ... 89
טאָראָנטאָ ... 89

ד. חלום אין ליד

יידיש ... 93
וואָס האָב איך נאָך? ... 93
אַ דור ... 94
אומזיסט ... 94
מײַן אַדיסייע ... 95
ס׳דאַכט מיר ... 96 — 97
ס׳איז מיר באַשערט ... 97
צו די זינגער ... 98
צום קוואַל ... 99
וואָס איז דיכטונג? ... 100
יידיש לשון ... 101
קום, וואָרט מײַן ... 102
צו וואָס? ... 103
פשטות ... 103
די גאָלדענע פּאַווע ... 104
טעג אָן לידער ... 105
אמתדיק ... 106
ליידיק איז אַרום מיר ... 106
נישט דערהערטע ... 107
דער דיכטער ... 107
געפאַנגענער ... 108
מײַנע לידער ... 108
וויפל לידער ... 109
חלום און ליד ... 109
אַן אָפּגעדאַרטער בוים ... 110
אין היימישן פּאַרק ... 110
איינציקווײַז ... 111
יידישוואָרט ... 112
וואָס בין איך שולדיק? ... 113
פרייד פון יצירה ... 114
דור היתום ... 114
י.מ. ווײַסענבערג ... 115
כ׳האָב ליב ... 115
שלום אַש ... 116
דײַן פערז ... 116
משה שולשטיין ... 117
מאָריס ראָזענפעלד ... 118
נאָך לווינט זיך צו לעבן ... 119
דער מאַן פון ליד ... 120
דער ריטער פון שיינקייט .. 121 — 122
יוליאַן טובים ... 123 — 125
ריימאָנד סאַוסטער ... 126

ה. נצח ישראל

אָדע צו די פשוטע יידן ... 129
אין בערג ... 130 — 131
בטחון ... 131
אָפּגעפרעמדטע ... 132
נצח ישראל ... 132
יאָמערפרייד געזאַנג ... 133
דער שויבן־וואַשער ... 134
אַ רגע אָן גאָט ... 134
אָן דיר ... 135
סיני ... 135
זינגען ... 136
מיט אײַך ... 137
אַ גרוס ... 138
יידישע קינדער ... 139
חלוצים ... 139
מזל־טוב ... 140
אויפן דעק פון
דער שיף ״ישראל״ ... 141
עמק החולה ... 142
בת־ים ... 143
כ׳האָב דיך געזען ... 144
אויפן ים־התיכון ... 145

אהבת ישׂראל 146
אין גליל 147
נעמי .... 148 — 149
דער טויט פון פּאָעט 150
עם ישׂראל 151

ו. ברויט און זון

צוואַנציקסטער יאָרהונדערט 155
דעם זין 155
ברויט און זון 156
בן־אדם 156
איך גלייב 157
מענטשנקינד 157
וונדערשטאָט 158
דער אַלטער קלאָשאַר 158
דער פרעמדער 159
אויף די ראָגן 159
כ׳וועל זיך ברודערן 160
דער אָרעמאַן 160
דאָס ליד פון דער נויט 161
אין טראַמוויי־וואַגאָן 162
אין שאָפּ .... 163 — 164
מענטש־באַשאַפער 164
נאָך דער אַרבעט 165
צענטערשטאָט 166
רעוואָלט 166
פון וואַנען? 167
צו די פּאַרדאַרבער 167
חצות 168
קום, אויסלייזער 168
אַ טאַנץ 169
קינדער 170
נישט אויף דעם 170
דער ערדס געוויין 171
מען זאָגט 171
קריסמעס 1974 172
דער זייגער שלאָגט 173
דאָס לעצטע געוויין 174
דורות פון מאָרגן 175

ז. דער ליכט־אוצר

גוט־מאָרגן, זון 179
דער ליכט־אוצר 179
זוניקע קרוינען 180
אַ ליכט־רגע 181
פּאָר מיר 181
אַ לויב 182
כּולו זון 182
מײַן טאָג 183
פרילינג־ווינטלעך 183
אָט אַזוי 184
אין בלויען באַגינען 185
דער טײַך 186
אין וואַלד 187
פרילינג 188
אין טעג אַזעלכע 188
זון און שניי 189
ליכט פון חסד 189
ווי גוטע פרײַנט 190
די אָזערע 190
צא ולמד 191
אין וואַלדישן היכל 192
נימפעס 192
אויפן שטילן וואַסערפלאַך 193
אָדע צו דער זון 193
וואָס איז אייביק־נײַ? 194
אין חלום־פלי 194
נאַכט 195
פרילינג אויף דער וועלט 196
ביסט פאַראַן 197
בײַנאַכט 197
פאַרנאַכט 198
טאָגפאַרגיי 199
דער רעגן 200
זילבערנער פלאַטער 200
אין שניישטורעם 201
שנייליכט 202
ווינטערקראַפט 202
ווײַסער שניי 203
ווייסשנייק געזאַנג 203
ווינטערס גזרן 204
שפּערלען אין ווינטער 204

ח. קרישטאָלענע טרערן

קרישטאָלענע טרערן 207
דער גוטער מענטש 207
ערגעץ ווײַט 208
אַרום 209
איינער אַליין 210
שטאָלץ זײַ 210
איינזאַם 211
מזלות 212
עלנט 212
אין דער לאַנגער נאַכט 213
ווי לאַנג? 213
ווײַן פון יוגנט 214
ספר תהילים 215
ברויט און זאַלץ 216
גלוסט זיך דיר 216
איוב 217
צו דיר 218
אַ תפילה 218
טאָג מײַנער 219
טראָפּנס 219
ווי שטיינער 220
טרויער 220
טעג מײַנע 221
דער עפּלבוים 222
אין דעמער 222
אין מדבר פון טעג 223
תשובה 223
בעל־כרחו 224
כ'האָב צעזייט 224
מײַן גאַנג 225
יינגל 225
געזאַנג צום זײַן .... 226 — 227
סם און האָניק 227
דאָס בעזבוימל 228

ט. איידער...

נצח־חידה 231
דער אַלטער מאַן 232
אַ בייזער חלום 233
דאָס בוך פון לעבן 234
פון דאָס נײַ 234
דאָס פּלעמל 235
ס'האָט זיך געלוינט 235
זיקנה 236
ווידוי 236
אייביק 237
געווען אַ מענטש 238
לוויות 239
דורות 239
אין אַזאַ אָוונט 240
איידער 241
אונטער די בלויע הימלען 241
ס'וועט פּאַרגיין 242
לידער פון לויב 243
דעם נצח אַקעגן 244

י. איינציק

ער און זי 247
בענק נישט 247
ערגעץ־ווו 248
דײַן נאָמען 248
פּאַרגיב 249
אין שטיבל 249
מיט מײַן קליינער 250
פרידלעך געצעלט 251
איינציק 251
גרויע וועגנס 252
אין ליבשאַפט .... 253 — 254

✡ ✡ ✡